BAJS JAKOW (miesięcznik)　　　פרייז 50 גראָשען.

פאמיליען זשורנאל

# בית יעקב

אָרגאַן פון דער צענטראַלע „בנות אגודת ישראל״ אין פוילען.

## מאנאטשריפט

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָהן.

אינהאַלט:

1) אַרום דער קאָנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל״ (איינדריקען און בעמערקונגען) — *.*; 2) דער מאָדערנער מאַן און די פרומע פרוי (ער-צעהלונג) — דר. מ. לעהמאַן; 3) צוויי שוועסטער (אַריענטאַלישע לעגענדע) — ג. ג–ג.; 4) דער פאָלקס-צער און די יודישע טאָכטער — הרב משה חיים לויא; 5) פרקי - אבות (איבערזעצט און פאָפו-לאַריזירט) — א. ג. פרידענזאָהן; 6) ילתא — נישט קיין גוטע ערציהערין — שיינדל מייער; 7) אונזערע אַמאָליגע גייסטיגע ריזען; 8) די כלה און דער שלאַנג (אַ תלמודישע ערצעהלונג) — הרב צ. ה. פערבער; 9) שבועות-געדאַנקען — שרה שענירער; 10) יודישע פרויען העלדינס (אַ קאַפיטעל געשיכטע); 11) אַ חשוב׳ער גאַסט אין אונזער רעדאַקציע; 12) פון דער „בנות אגודת ישראל״ צענטראַלע; 13) כראַניק; 14) קאַרעספאָנדענציעס; 15) אַנאָנסען;

לאָדז, איר תרפ״ו　　　צווייטער נומער (דריטער יאָהרגאַנג)

RABBI M. SCHWARTZMAN
363 COLLEGE AVE.
WINNIPEG, MAN. CANADA.

אָרטאָדאָקסישער פאַמיליען-זשורנאַל

# בית-יעקב

אָרגאַן פון דער צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילען.

ב"ה, לאָדז. איר תרפ"ו — צווייטער נומער (דריטער יאָהרגאַנג)

## ארום דער קאנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל"

(איינדריקען און בעמערקונגען)

I.

פריהער, בעת מ'האָט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען אַ קאָנפערענץ פון אָרטאָדאָקסישע יוגענד-פרויען, האָט דער גאַנצער ענין, אַפילו ביי הייסע סימפּאַטיקער פון דער דאָזיגער צענטראַליזאַציע-אידעע, אַרויסגערופען אַ ביטול-שמייכעל.

...„ס'האַלט נאָך נישט אַזוי ווייט. מ'וועט זיך גופא מאַכען אויסלאַכען ביי לייטען מ'דאַרף עס נאַכנישט".

יעצט אָבער, לאחר המעשה, מוזען אַפילו: ונזערע שונאים מודה-זיין, על אפם ועל חמהם, אַז —

ס'איז געווען אַ אָריגינעלע פעראַנשטאַלטונג, אַ פעראַנשטאַלטונג, וואָס האָט געפיהרט דערצו, אַז ס'אָנגעפרוירענע אייז אויפ'ן דאָזיגען געביט זאָל, סוף-כל-סוף, אָנהייבען ריהרען.

צוגלייך מיט'ן פריהלינג אין דער נאַטור אינ'ם יאָהר פינף-טויזענד-זעקס-הונדערט-זעקס-און-אַכציג לבריאת העולם, איז אַריינגעטרעטען אַ דערפרישענדיגער פריהלינג'דיגער סימן-ברכה, פאַר'ן מסורה'דיגען יודענטהום.

און דאָס וועט מוזען בעשריבען ווערען אין אונזער היסטאָריע. אָט דאָס וועט מוזען אָנגעצייכענט ווערען מיט גאָלד-בלאַנקען'דיגע אותיות אין דער געשיכטע פון דער עקזיסטענץ פון אמת'ן יהדות.

וואָרים —

אדרבה: ווען איז עס אַ מאָל געשעהען אַזאַ פאַל אין דער געשיכטע

### קאָרעספאָנדענציעס

#### לאָדז

— די „בנות אגודת ישראל" אין לאָדז טרעט צו צו עפענען בקרוב אַ אייגענעם נייעם לאָקאַל און איינצוטיילען איהרע מיטגלידערינס אין גרופען אונטער דער לייטונג פון „פיהרערינ'ס"; צו דעם צוועק וועט קומען אַ פריילין פון פראַנקפורט (אגב וועט די זעלבע לייטען דעם פיהרערין-קורס לויט'ן בעשלוס פון דער קאָנפערענץ).

— אויך די „בית יעקב" שולע (פיראַמאָוויטש 14) ענטוויקעלט זיך אויסגעצייכענט און ווערט איבערטראָגען צום נייעם-שול-יאָהר אין אַ פּראַכטפול-ריזיגען גרויסען לאָקאַל.

אַ בעזונדערען דאַנק פערדינען דער לייטער פון דער שולע ה' קאַמיעניעץ און די לעהרערין פרוי פאָגעל.

— פאָריגע וואָך איז אויף נייער'ס מאַרק אין לאָקאַל פון דער אגודה פאָרגעקומען אַ גרויסע פרויען-פערזאַמלונג אויף וועלכע ס'זענען אַרויסגעטרעטען מיט געלונגענע רעדעס: פרל. יערוזאַלעם, פרל. בליסקא, פרל. גרינבערג א. א.

#### וואַרשאָ

נאָך דעם פאָריגען ווינטער איז ביי אונז געגריידעט געוואָרען אַ „בנות אגודת ישראל". אין דער פערוואַלטונג זענען די פרל.'ס: רייזל ראָזאַ (מיטגלידערין פון דער צענטראַלער עקזעקוטיווע און לעהרערין פון „בית יעקב" שולע אין וואַרשאָ), גאָלדפיין, שוועסטערן וואַסערמאַן, קלאשער, שוואַדרן, קוטנער, ראַיאַל, זילבערשטיק, שרענצקער, גאָלדקנאָפף, לאנדאַבערג, ראָטשטיין און פרל. גלינער.

אויך די „בית יעקב" שולע (נאַלעווקי 37) ענטוויקעלט זיך גוט און אַ בעזונדער'ען דאַנק פערדינט דער עסקן ר' יואל אונגער וועלכער האַט די שולע געגרינדעט און פאַר איהר עקזיסטענץ אַוועקגעלעגט פיעל מיה.

#### זעלאָוו

נאָך שווערע מיה איז אויך ביי אונז געלונגען פאָריגען ווינטער צו גרינדען אַ „בית יעקב" שולע, וועלכער ווערט געלייטעט דורך דער טיכטיגער און טאַלאַנטירטער לעהרערין פרל. שייער פון קאָנסטאַנטין.

די פערוואַלטונג פון דער שולע בעשטעהט פון פאָלגענדע פרויען: נאַכע פרזיגורסקא—פאָרזיצענדערין, באַלטשע ליבערמאַן—וויצע, דבורה ראָססבאך—סעקרעטאַרקע, גיטל לאה יאָכלאָוויטש—קאַסירערין און אַלס עהרען-מיטגלידערינס: מלכה חנה ליבערמאַן, מרים לעווי, ברײנדל ליבערמאַן א. א.

מיר דריקען אויך אויס אַ דאַנק דער ג. לעהרערין פרל. שייער פאַר איהר מיה לטובת דער שולע.

ד. ר.

פון אונזער קיום, אַז יונגע פרייליינ׳ס, דוקא די, וואָס זענען אַממייסטען להוט נאָך נייעסען, זאָלען פראָקלאַמירען פאַר דער גאַנצער וועלט, נישט-שעמענדיג זיך, אַז זיי ווילען דוקא נישט מיטטאַנצען אינ׳ם פערווילדעטען ציוויליזאַציע-קאָראָהאַד?

פאַקטען דערפאַר?

ס׳איז שווער אויפצוזוכען איינעם, ביי וועלכען מיר זאָלען קענען זאָגען: „אָט-אָ-פון-דעם זעהסטו, אַז ס׳איז אזוי און נישט אנדערש”. מיט׳ן דאָזיגען געדאַנק איז געווען אַדורכגעזאַ־ט די גאַנצע קאָנפערענץ פון אָנהויב ביז׳ן סוף, און יעדער איינציגער פון די אַנטיילנעהמערינ׳ס בעזונדער.

מיר האַלטען אָבער פאַר נויטיג איבערצוגעבען איינצעלנע פרטים, וועלכע טהון געניג בולט כאַראַקטעריזירען דעם מהות פון אַלעם דעם, וואָס עס איז נאָר דאָרט פאָרגעקומען:

פאַרנאַכט, בעת די דיסקוסיע אין אַ פראַגע, וואָס האָט אַרויסגערופען אויסערגעוועהנליך-שטורמיש - אַנגעשטרענגטע מאָמענטען, האָט די פאַרזיצענדערין, דוקא אַ מערב-איירָאפּעאישע, פרל. ראָטשילד פון ציריך, ערקלערט אַ הפסקה כדי —

צו דאַווענען מנחה! — —

און אַלע, אַלע אָהן שום אויסנאַהם מוזען בעל-כרחם מודה-זיין, אַז „אלמלא לא באתה הועידה אלא” - צוליב אַזאַ מין עפּנטליך מאַניפעסטירען דאָס רעליגיעזע בעוואוסטזיין - „דיינו!”

דער דאָזיגער פרט איז, דאַכט זיך, זיכער ראוי פערשריבען צו ווערען לדורות, אין די איינצעלנע גאָלדענע בלעטלעך פון אונזער אַזוי פערשוואַרצטער צייט.

נאָך אַ זאַך:

די ערשט-פאָרגעקומענע „בנות אגודת ישראל” - קאָנפערענץ האָט קלאָר אָבגעוואָרפען די טענה פון אונזערע מאָדערניזאַטאָרען, אַז פרום קענען בכלל נאָר זיין אַזאַלכע, וואָס זענען אונטערשטעליג אין אינט־ליגענץ און אַזאַלכע וואָס האָבען נאָר אַפילו אַ קליין ביסעלע טועם-געווען פון מאָדערניזם, מוזען אַנטלויפען פון רעליגיע.

— אַזאַ לשון-קודש, אַזאַ פויליש, אַזאַ דייטש, ווי די, וואָס מיר האָבען ביי וויסענשאַפטליכע אַרגומענטען דאָרט געהערט מע׳ען זיך געהען לערנען דוקא די, וואָס אַ וואָרט יודישקייט איז פאַר זיי אַ - שפּילקע מיט אַ שאַרפען שפּיץ.

און לסוף — נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער פרט:

אויף דער קאָנפערענץ זענען אָנוועזעיד געווען סתם - געסט. האָט זיך איינע פון זיי, אַ פערבּ־ענטע ציוניסטקע דוקא געוואָלט אויסווייזען, אַז די

(סוף אויף זייט 32)



# דער מאָדערנער מאַן און די פרומע פרוי

דר. מ. לעהמאַן

(פראַגמענט פון דער ערצעהלונג „נישט מעגליך”?)

עדוואַרד איז אַריינגעקומען צו זיין פרוי און איהר געזאָגט:

„— אין דער נייער יודישע קהלה איז אין רעליגיעזע ענינים נאָכנישט אַזוי שלעכט, ווי וואָס׳ערע שם זי האָט. אָט האָט זיך דער רייכסטער מיטגליד פון אונזער געמיינדע, קאָמערץ-ראַט רייכמייער נעלאָזט אויסבויען אַ פראַכט-פולע ווילע און מחנך-זיין וועט ער זי לויט׳ן אַלט-יודישען מנהג: ער וועט קודם-כל לאָזען אין איהר „לערנען”. שפּעטער ערשט וועט פאָרקומען אַ באַל. אויך אונז האָט ער פערבעטען; דו וועסט מסכים-זיין דערצו?”

לואיזע האָט נישט געהאַט דעם מינדסטען יסוד אָבצוזאָגען זיך פון דער דאָזיגער איינלאַדונג. האָט איהר דען געזאָלט איינפאַלען, אַז ביי דער פרוי רייכמייער, וועלכע האָט שטענדיג גערעדט נאָר וועגען איהר פרומקייט, זאָל מען בעת אַ רעליגיעזער חנוכת-הבית-פייערונג מכבד-זיין די געסט מיט טריפה-נע מאכלים? — — —

רייכמייער׳ס ווילע איז געווען פון אויסענווייניג זעהר שיין. זי האָט זיך געפונען אינ׳ם שענסטען שטאָדט-קוואַרטאַל — בשכנות מיט׳ן זאָאָלאָגישען גאַרטען, — און אויך די חנוכת-הבית-פייערונג האָט זיך צוגעזאָגט צו זיין אין הסכם מיט׳ן גלאַנץ און פראַכט פון דער רייכמייער-פאַמיליע.

ראשית איז פאָרגעקימען ד״ר רעליגיעזער אַקט. אַ מנין אָרימעלייט, מעהר אָדער ווייניגער „געלערענטע” זענען געווען בעשטעלט צום „לערנען”; זיי האָבען „געלערענט” משניות — מיט מעהר אָדער ווייניגער פערשטאַנד — דעם פרק „חזקת הבתים” אין מסכת בבא בתרא. דערויף האָט דר. י. געהאַלטען אַ גלענצענדע רעדע, נאָך וועלכער דער חזן מיט׳ן סינאַגאָגען-כאָר האָבען געזונגען דאָס דרייסיגסטע קאַפּיטעל תהילים — „מזמור שיר חנוכת הבית”.

אַלעס איז פאָרגעקומען אין אַ זעהר געהויבענער שטימונג. די געזעלשאַפט האָט זיך פריי בעוועגען אין די געשמאַקפול אויסגעפוצטע און וואונדערליך בעלויכטענע זיילען. ווערענדיג כסדר דורך אַ רייך-אויסגעפוצטען דינער בעזאָרגט מיט פערשידענע קאַלטע, געפרוירענע דערקוויקונגען. ס׳איז נאָך געווען צייט אַ האַלבע שעה ביז צום באַל און די געסט האָבען זיך דערווייל זעהר פריינדליך אונטערגעהאַלטען.

— זאָגען זי נאָר, פרוי לינדענשטיין — האָט זיך צו לואיזע׳ן געווענדען די פרוי פאָן געלדערען, אַ דאַמע אין אַ זעהר רייכער אָבער נאָכמעהר

געשמאַקלאָזער טואַלעט — כ׳האָב געהערט. אַז זי זענען נאָך אַלץ אַזוי פרום; זאָגען זי מיר, כ׳בעט איהן, ווי אַזוי קען אין אונזערע אויפגעקלערטע צייטען, אַ געבילדעטע פרוי זיך נאָך האַלטען אָן די פערעלטערטע יודישע דינים און מנהגים?

— איהנ׳ס פראַגע — האָט דערויף לואיזע אָבגעענטפערט — איז פאַר מיר יעצט אַ דאָפּעלט וואונדער, וואָרים גראָד יעצט זענען מיר זיך דאָ אויך פערזאַמעלט דוקא צוליב אָט אַזאַ פערעלטערטען מנהג?

— ווען מ׳טהוט עס אַזוי מאָדערניזירען, ווי ס׳טהוט עס דר. י. — דאָס פערשטעה איך! אָבער, למשל, נישט צו עסען דאָס, וואָס איינעם שמעקט גראָד יאָ, — אָט דאָס קען דאָך ג–ט נישט פערלאַנגען!

— ליבע פרוי פאָן געלדערען, איך זאָרג זיך זיך נישט וועגען דעם, וואָס זי טהון יאָ אָדער נישט — איך בעט איהן זי זאָלען עס אויך מיר איבערלאָזען אויף אייגענעם איינזעהען.

„— געט אַלעמען געדאַנקען-פרייהייט!“ זאָגט מאַרקיז פאָזאַ.

— אַהאָ, יאָ: דער מאַרקיז פון פראָזאַ — קוקט ער נישט פאָר אין שעקספיר׳ס פאַאוסט?

לואיזע האָט זיך קוים איינגעהאַלטען נישט אויסצובּרעכען מי קיין גרויס געלעכטער.

מיין ליבע פרוי פאָן געלדערען — האָט זי איהר דאן געזאָגט — דער דאָזיגער מאַן האָט געהייסען פאָזאַ, און נישט פראָזאַ. ער קומט פאָר אין שילער׳ס „דאָן קאַרלאָס“ און נישט אין „פאַאוסט“, וועלכער איז. איבריגענ׳ס, נישט שעקספיר׳ס נאָר געטהע׳ס. אָט דאָס איז דאָך עפּעס גאָר וויכטיג צו וויסען אין אונזער אויפגעקלערטער צייט!

— וואָ...אָס זי זענען אַזוי געלערענט! — האָט דערויף פרוי פאָן געלדערען אָבגעענפערט מיט אַ שטיל קול.

— נישט קוקענדיג אָבער דערויף, וואָס זי זענען אַזוי בקי אין דער ליטעראַטור — האָט זיך אַריינגעמישט אינ׳ם שמועס דער וייכער טאַבּאַק-פאַבּריקאַנט גרונערט, — מיז איך אָבער דאָך זאָגען, אַז פרוי פאָן געלדערען איז גערעכט. אָט זעהען זי, פרוי לינדענשטיין די ביבעל און דער אַלקאָראַן דער נייער טעסטאַמענט און די „צענדאַוועסטאַ“...

— אָבער הער גרונערט — האָט איהם לואיזע איבּערגעהאַקט — וואָס איז דאָס אַזעלכעס: דער „אַלקאָראַן“?

— זי ווייסען עס נישט? – האָט דער טאַבּאַק - פאַבּריקאַנט געפרעגט מיט אַ טריומף-שמייכעל אויף די ליפּען. — דאָס איז די ביבעל פון די מחמד׳אַנער!

— אַזוי, איהר מיינט דעם קאָראַן!



— יאָ; דאָס הייסט דאָך אָבער ריכטיג אין אַראַבּישען: דער אַלקאָראַן!

— איהר זענט אין טעות, ליבער הער! „אַל“ איז אויף אַראַביש „דער“; איהר קענט דאָך דעריבער נישט זאָגען „דער אַלקאָראַן“, וואָס עס בעדייט, אַ שטייגער, ווי איהר וואָלט געוועז זאָגען: „דער דער קאָראַן!“

— זי ווייסען דאָך אָבער אַלעס!

— און פונדעסטוועגען בין איך נאָך אַזוי ווייניג אויפגעקלערט, אַז איך האַלט מיך נאָך אָן די פערעלטערטע מנהגים פון יודענטום!

— יאַ: אָט דאָס איז מיר באמת אַ רעטעניש!

— איך וועל איהן מפרש-זיין דעם דאָזיגען רעטעניש. נישט אויף מיר דאַרפען זי זיך וואונדערען, נאָר אויף זיך גופא, וואָס זי ערלויבען זיך צו אורטיילען איבער די העכסטע און הייליגסטע פראַגען, נישט-האָבענדיג דערצו די פעהיגקייטען, וואָס זי רעדען זיך איין׳ אַז זי בעזיצען בילדונג, וועלכע איז באמת גאָרנישט!

עדואַרד איז דערווייל אונבעמערקטערהייט צוגעקומען צו דער גרופּע און אויסגעהערט דעם לעצטען טייל פון שמועס.

— און איך, פרוי׳עלע? — האָט ער געפרעגט.

— דו אויך, עדואַרד. אויך דו האָסט דיך נאָך זעהר קנאַפּע השגות וועגען יהדות כּדי עס אויף אַ אמת צו בּעגרייפען, כּדי עס צו האַלטען, אַזוי ווי מ׳דאַרף: און גראָד דערפאַר, וואָס אין אַנדערע ענינים האָסטו יאָ אַ סאַך געלערענט, איז דער שעה׳דיגער לימוד דיינער ביים דר. י. געווען אַ שוואַך און אָרים געגען-געוויכט צו די אידעען פון פאָגט׳ן און מאַלעשאָט׳ן.

דאָ איז דער שמועס איבּערגעריסען געוואָרען. וואָרים די געזעלשאַפט איז פערבעטען געוואָרען צום געדעקטען טיש. הער וואונערט האָט צוגעפיהרט די פרוי לינדענשטיין צו איהר פלאַץ, זיך געזעצט נעבען איהר און אין משך פון זיין זיצען ביים טיש, האָט ער אויסגעדרוקט זיין פערוואונדערונג וועגען איהר.

— אָ — האָט ער געזאָגט — ווי גליקליך איז מיין פריינד לינדענשטיין, ווען ער האָט אַזאַ פרוי!

ביים טיש איז כסדר געוואָרען לעדיגער; לואיזע אָבער האָט זיך, געפיהלט שטאַרק געקרענקט פונ׳ם דאָזיגען שמועס. פּלוצים אָבער האָט זי אויסגעשריען אַ משונה׳דיג געוואַלד. אַלעמענ׳ס בליקען האָבען זיך תיכף געוואָנדען צו איהר; זי אָבער האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף דעם נאָר-וואָס איפּ׳ן טיש אויפגעשטעלטען האָז-בּראָטען. אַ מורא׳דיוער געדאַנק האָט זיך אין איהר דערוועקט: זייט אַ האַלבע שעה האָט זי געגעסען טרפות און — עדואַרד האָט איהר רעקאָמענדירט אָנצונעהמען די איינלאַדונג!!! ס׳האָט איהר אָנגעהויבען צו שווינדלען פאַר די אויגען. אין אַ בעוואוסטלאָזען

צושטאַנד איז זי צוריק אַנידערגעפאַלען אויף דער שטוהל, פון וועלכער זי האָט זיך געהאַט אויפגעשטעלט.

א סאַך האָבען זיך מאָמענטאַל א לאָז-געטהון, כדי צו ראַטעווען די פער׳חלש׳טע. ווען זי איז צוריק צו זיך געקומען, האָט זי אויסגערופען מיט שוואַכע כחות, מיט אַ פער׳צער׳טען אויסדרוק אויפ׳ן פנים: „אַוועק, אַוועק, אַוועק פון דאַנען!״

עדואַרד איז באַלד אַהיים געפאָהרען מיט זיין פרוי. בעת זיי זענען געזיצען אין דער קאַטש, האָט ער צו איהר געזאָגט:

— אַזוי, אַזוי, מיין ליבע. דער ערשטער שריט איז געווען נישט-קשה׳דיג! אַז דו וועסט עסען טרפות אַ צווייט מאָל, וועט עס שוין פאַר דיר מעהר נישט זיין קיין שוועריגקייט!

לואיזע האָט שווער אָבגעזיפצט, נישט ענטפערענדיג אַ וואָרט.

אַזוי ווי זי איז נאָר אַהיים געקומען, איז זי באַלד אַריין צו זיך אין צימער און אָנגעשריבען אַ בריף צו איהר פאָטער, דאָס אויב ס׳איז איהם טייער איהר געזונד, זאָל ער תיכף ומיד אַהערקומען און זי אַהיים נעהמען. —

דער דאָזיגער בריף האָט דעם אַלטען הער אַהרענ׳ס אָנגעפולט מיט טרויער; ער האָט זיך שנעל געאיילט קיין נ., כדי צוריק אויסצוגלייכען דעם שלום-בית ביי זיין טאָכטער. דאָס איז איהם אויך געלונגען: עדואַרד האָט צוגעזאָגט אָבצוזאָגען זיך פון אַלע ווייטערע פרובען „איבערצוקעהרען״ זיין פרוי. מאַן און פרוי האָבען זיך צוגעזאָגט, נישט צו זאָרגען וועגען דעם צוויי-טענ׳ס מעשים-טובים אָדער חטאים.

און אָט אַזוי האָבען זיי זיך ווייטער געלעבט אַ געוויסע צייט צוזאַמען — — — דער אידעאַל פון אַ מאָדערן נאָך-חתונה-לעבען...

יודיש: ק. נעסיראָווער.

# צוויי שוסטער

(אַריענטאַליש מעשה׳לע)

אין אַ לאַנד אין ווייטען אָריענט האָט מיט צייטען צוריק אַ רייכער קעניג געלעבט. געוואוינט האָט ער אין קריסטאָלענע פאַלאַצען און אָנגעטון איז ער געווען אין גאָלד און אין פורפור. שטענדיג האָט פאַר דעם קעניג אַ פריילעכע מוזיק געשפילט, ווייל בייטאָג האָט אַ טרויער-וואָלקען זיין געזיכט פערצויגען און ביינאַכט איז אויף זיינע אויגען קיין שלאָף נישט געקומען.

די קעניגין, די שענסטע פון די טעכטער אין מזרח, האָט צו איהם קיין קינד נישט געבוירען און געקימערט האָט עס דעם קעניג, ווער וועט נאָך זיין



טויט זיצען אויף זיין שטוהל, צו וועמען וועלען נאָך זיין טויט געהערען אַלע זיינע אוצרות?

איז איינמאָל אין פאַלאַץ אַן׳אַלטע צויבערין געקומען און האָט צום קעניג געזאָגט: זאָל פערשווינדען ווערען דער טרויער-וואָלקען, וואָס האָט זיך אויף דיין געזיכט צילעגט. דיין קעניגין וועט צו דיר אַ קינד געבוירען און אַלע אוצרות פון דער גאַנצער וועלט וועלען אין דיין קינד׳ס האַנד ליגען.

און א נאַכט איז געווען. אין שלאָס האָבען אַלע זשיראַנדאָלען געלויכטען, געוואַכט האָט דעם קעניג׳ס הויף, רייטער האָבען מיט טראָמפייטען אין די הענט געוואָרט, אויסציישאַלען איבער׳ן לאַנד די בשורה, אַז צום קעניג איז אַ יורש געבוירען.

ווען דער מאָרגען איז אויפגעגאַנגען, האָט מען שוין געוואוסט איבער׳ן גאַנצען לאַנד, אַז די קעניגין האָט צוויי מיידעלעך געבוירען. איינס מיט אַ גאָלדען הערצעלע און קלאָרע בלאָע אויגען. דאָס צווייטע מיט אַן׳אייזערען הערצעלע און שוואַרצע ברעמענדיגע אויגען.

און נישט געוואוסט האָט דער קעניג, וועמען פון זיינע מיידעלעך זאָל ער פאַר די קעניגין מאַכען, אַז נאָך זיין טויט זאָל זי אויף דער קעניגין-שטול זיצען און אַלע אוצרות פון דער וועלט זאָל אין איהר האַנד ליגען.

האָט דער קעניג געגעבען אַן׳אויפרוף איבער ווייטע לענדער און מדינות, אַז אַלע קלוגע לייט און גוט געלערענט מענשען זאָלען צו איהם אין שלאָס קומען און די עצה געבען, ווער פון זיינע צוויי מיידעלעך זאָל די קעניגין בלייבען?

און פון אַלע עקען וועלט האָבען זיך געצויגען צום קעניג׳ס פאַלאַץ גראָע מענער מיט טיף געקנייטשטע שטערענס און זיבען יאָהר נאָכאַנאַנד זענען זיי געזעסען אָהן אויף-הער און געטראַכט ווער ס׳זאָל די קעניגין בלייבען?

ניין! — האָט מען געזאָגט — דאָס מיידעלע מיט׳ן אייזערען הערצעלע קאָן די קעניגין נישט בלייבען, ווייל איהרע געזעצען וועלען זיין אייזערנע און שטאַרקע. י׳כצען וועט דאָס פאָלק אונטער איהר הערשונג.

און איבער׳ן מיידעלע מיט׳ן גאָלדענעם הערצעלע האָט מען געזאָגט:

— זי קאָן די קעניגין נישט בלייבען. זי וועט אַלע אָרעמע און קראַנקע איהר האַרץ צעטיילען; מיט איהרע העלע קלאָרע אויגען וועט זי אַרום-גיין צווישען אַלע אומעטיגע און זיי היילען. און איבער׳ן לאַנד, איבער די געזעצען, וועט נישט זיין ווער ס׳זאָל אַ בליק געבען.

און נישט געפונען האָט מען די עצה.

אַ אַלטער גראָער מאַן, וואָס האָט שוין אַלע ביכער אין זיין לעבען געליינט און אַלע חכמות אויסגעפאָרשט, האָט פאַר׳ן קעניג׳ס שטוהל געקניהט און געזאָגט:

— זאָלען ביידע קעניג׳ס טעכטער איבער דער גרויסער וועלט נעמען אַרויסגיין. און וואָך ווערמען פון זיי ביידע ס׳וועט מעהרער פאָלק נאָכגעהן, יענע זאָל זיין די קעניגין און דעם סצעפטער זאָל מען אין איהר האַנד אי־בערגעבען.

און אַזוי האָט דער קעניג געטהון.

אָבער די צאָהל פון די צוויי מחנות זענען געוועזן גלייך. נאָכ׳ן מיידעלע מיט׳ן אייזערען הערצעלע זענען נאָכגעגאַנגען אַלע שטאַרקע און מוטיקע מע־נער. נאָכ׳ן מיידעלע מיט׳ן ריין גאָלדענעם הערצעלע און קלאָרע בלאָע אוי־גען זענען נאָכגעגאַנגען אַלע אָרעמע און שוואַכע פון פאָלק און זי האָט זיי אין וועג הילף געגעבען.

און די ביידע מחנות זענען אַלץ געוועזן גלייך אין דער צאָהל. און פון דעמאָלט אָן האָט זיך די וועלט צעטיילט אין צוויי מדינות. אין איין מדינה לעבען און וואוינען מענשען מיט אייזערנע הערצער און שוואַרצע ברעמעודי־גע אויגען. און אין דער צווייטער מדינה לעבען און וואוינען מענשען מיט ריין גאָלדענע הערצער און קלאָרע אויגען.

און ביז היינטיגען טאָג פיהרט זיך אַ מלחמה צווישען די מענשען פון די ביידע מדינות.

י. ג—ג

(סוף פון זייט 25)

פיהרערין׳ס פון דער קאָנפערענץ זענען נישט מסכים מיט דער אַלגעמיינער א׳ודת ישראל־אידעע. כדי דאָס צו דערווייזען, האָט זי זיך געוואָנדען צו איינע, פרל. מאַנדראַ פון מלאַוואַ, אין העברעאיש, מיט אַ פראַגע: „וואָס פערבינדעט די „בנות אגודת ישראל״ מיט דער אַלוועלטליכער אגודת ישראל?״ און זי האָט קורץ אָבגעענטפערט:

— תורתנו הקדושה! — און דוקא מיט דער ספרד׳ישער הברה...

דערהערענדיג אַזאַ קלאָרע תשובה האָט זי שוין ועמוזט רעזיגנירען פון אַ צווייטער פראַגע;

מיר פון אונזער זייט וועלען נאָר צוגעבען, אַז די קאָנפערענץ בכלל איז געוועזן אַ סיורפריז אי פאַר דער וועלט, און אי פאַר דער אגודת ישראל גופא.

אַז ס׳האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין דער ציוניסטישער און לינקער וועלט — דאָס זעהען מיר. מיר אַלע, זענען עדות, אַז ביידע וואַרשעווער בירגער־ליכע אַנטי־אָרטאָדאָקסישע טאָג־בלעטער האָבען זיך גענומען, גלייך נאָך דער קאָנפערענץ, שרייבען „בריף צו דער אידישער פרוי״ און „וועגען דער יודי־שער פרוי״. די לינקע ווידער — אָרדנען איין כסדר ספעציעלע פרויען־מי־טינגען — דער עיקר אין לאָדז, וואו די קאָנפערענץ האָט אָנגעמאַכט דעם גרעסטען רושם.

צי איז דאָס יהדות • ווארימקייט פון דער פאָרגעקומענער קאָנפערענץ בכח צו מאַכען ריהרען ס׳אייז בלויז אין די געגנערישע מחנות און אין דער אייגענער זאָל ווייטער בלייבען ווינטער?...

***



הרב משה חיים לויא

אבד״ק. שאץ

# דער פאָלקס - צער און די יודישע טאָכטער.

ב.

ווי שטאַרק די פרויען האָבען מיטגעפיהלט אין גלות־מצרים, איז צו זעהן אין דער גרויסער שמחה, וואָס זיי האָבען אויסגעדרוקט ביי דער גאולה. דורכגענומען און דורכגעדרינגען זענען די מוטער׳ס געוועזן פון פרייד און ענ־טוזיאַזם, אַזוי, אַז די קינדערלעך, וואָס זיי האָבען אין זיך געטראָגען, האָבען מיט זיי מיט געזונגען דאָס גאולה־ליד 15). נישט נאָר מיט די אויגען, נאָר מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים האָבען די פרויען די גאולה און איהרע אַלע ערשיינונגען געזעהן, אַזוי, אַז דורכזיכטיג זענען זייערע גופים געוואָרען, דורך וועלכע די קינדער אין זיי האָבען אויך געקאָנט זעהן און פאַר בע־גייסטערונג מיט זינגען 16).

און כאָטש אַלע האָבען געזעהן, אַלע האָבען געזונגען, האָט מרים׳ס שטימע אַלע איבערגעשטיגען.

וַתַּעַן „לָהֶם״ מִרְיָם 17) — זי בעטראַכט די פרויען וואָס זענען אָנגעטהון

14) סוטה י״ב. 15) שם. 16) כרסיהן נעשו להן כאספקלריא המאירה ובניהם ראו. — סוטה י״ג. ע״ר שמות. 17) נאָכ׳ן דקדוק ברויך צו שטעהן ווען „להן״, בעמערקט דער רבי ר״ב מפשיטחא ז״ל: די פרויען האָבען דאמאָלס געקראַפט און גבורה בעזעסען, האָט זי דערפאַר אַזוי גערעדט.

אין גבורה און בעגייסטערונג, פון אַ העכערער פערספעקטיווע. זי זעהט זיי אינ'ם מיגליכען כאַראַקטער: אין דער ראָלע פון געבען, משפיע זיין: מיט גייסט זענט איהר, פרויען געקומען צו די פערהאַרטעוועטע מענער, און מיט ערמונטערונג זיי אויפגעשטעלט. איהר האָט קראַנקע געהיילט, שוואַכע געשטאַרקט, מוטהלאָזע — האָפנונג געגעבען.

א י ה ר קאָנט זינגען די נצחון-שירה, דאָס געזאַנג וועט זיין אַ פירוש אויף אייער מיטפיהלען אין גלות. עס וועט דערצעהלען, וואָס איהר האָט דעם פאָלק געלייסטעט אינ'ם גלות-צער.

איהר, פרויען, מעגט זינגען.

אַזוי האָט מרים אַמאָל צוגערופען איהרע חבר'טעס, אין דער צייט פון גאולה. דאָס איז דער טיפער סוד פון דער הערשענדער ראָלע פון דער יודישער פרוי. יעדעס יאָהר ווען עס קומט דער ליבער פסח, דער יום-טוב, אין וועלכען די פרויען זענען כמעט מיט אַלע מצוות, דעם מאַן גלייך געשטעלט.

אין איהרע פריידיגער שטימונג, אין דעם שטאָלצירען אויף איהרע אַלע פסח-חומרות, דריקט זיך אונבעוואוסט אויס, איהר אַמאָליגעס מיטגעריסענקייט אינ'ם פאָלקס-שמערץ...

— — — — — — — — — — — — — — —

ווע לען די פרויען פון די שפעטערדיגע דורות זיך אויך קענען אַ ז ו י פרייען מיט דער צוקונפטיגער גאולה?

נעמען אויך די פרויען פון היינט, ווי די, פון אַמאָל בעוואוסט און קרעפטיג, אַ אַנטייל אינ'ם פאָלקס-צער?...

שווער, זעהר שווער קעמפט היינט יעדער יוד. אונבעגרעניצט און אונסופ'דיג זענען די ליידען און פיין פון יעדען בעזונדער. פיהלט אויך היינט די פרוי אַזוי מיט, מיט איהר מאַן, ווי אַמאָל? האָט דער מאַן אויך היינט צו הערען ביי דעם בעשיידענעם מיטאָג, די ווייכע, האַרצידיגע טרייסט-ווערטער, ווי דאַמאָלס?

צי קאָן היינט אויך די פרוי מוטה און בטחון איינפלאַנצען דעם מאַן, איהם פערזיכערען אין דער גאולה, ווייזענדיג די סימנים פון אונשטערבליכקייט פון דער פאָלקס-אייגענאַרט:

זעה, דעם ל ש ו ן האָבען מיר נאָך נישט פערביטען; מיר און די קינדער געברויכען נאָך, די אַלטע, איידעלע, יודישע שפראַכווייזע. די ק ל יי ד ו נ ג האָבען מיר נישט פערטוישט, — מיר טראָגען דאָס יודישע, צניעות'דיגע לבוש; די יודישע נ ע מ ע ן נישט געענדערט, — עס צירען אונז נאָך די אַלטע יודישע מדות, וואָס ברענגען אונז דעם נישט-יודישען שם. — — —

פאַרוואָס קאָן די יודישע פרוי נישט מעהר אַ ז ו י צום יודישען פאָלק רעדען?



רעדען? איהם ערמונטערן, טרייסטען. פאַרוואָס?? אָה, ווי אַנדערש, ווי אַנדערש, איז זי געוואָרען.

עס האָט זיך היינט אַזוי בולט אַרויסגעשטעלט די ריכטיגקייט פונ'ם גמרא-זאַץ: „די פרויען זענען אַ פאָלק פאַר זיך" 18).

טאַקי עפּיס ווי אַ בעזונדער פאָלק זענען די פרויען.

זיי פיהלען נישט די וועהטאָגען וואָס דריקען דאָס פאָלק. זיי האָבען זייערע אייגענע וועהטאָגען, אייגענע יסורים. זיך אָבגעריסען פון פאָלק אין זיין גורל. אָבגעריסען, אָבגעריסען...

זיי לעבען פאַר זיך. אַ אייגען לעבען. פאַר זיך, פאַר זיך...

עס פעהלט דער פאָדעם, וואָס זאָל זיי פערבינדען מיט'ן פאָלק אין זיין שיקזאַל. מיט זיינע פאַנטאַזיעס, מיט זיינע נחמות. זיי האָבען אייגענע וועהטאָגלעך, קליינינקע, אָרימע וועהטאָגלעך. אין זיי ענטוויקלען זיי צו גרויסע פסיכישע ליידען, וועלכע דריקען און פרעסען זייער נשמה. עס טאָר אַזוי נישט זיין, ס'מוזען די אייגענע צרות בטל ווערען אין ים פון פאָלקס-צער...

„ווער פערלאַנגט און ווינשט אַ הוט, אַז דער קאָפּ ליגט אונטערן שווערד".

וואָלט די גלות-שווערד געפאָכטען איבער'ן קאָפּ פון דער פרויען וועלט, וואָלטען זיי מיטגעריסען געוואָרען מיט'ן פאָלקס-וועהטאָג, וואָלטען זייערע פערזענליכע ליידען צערונען. זיי וואָלטען נישט פערשטערט דאָס לעבען, זיך און יענעם דורכ'ן פערציכטס, וואָס זיי מוזען ליידען אינ'ם מאַטעריעלען לעבען. נישט פערצווייפעלט אין אַ קריטישער לאַגע 19).

זיי וואָלטען נישט געזעהען מעהר דאָס גליק אינ'ם בעזיץ פון די קלייניגקייטען און זיך שפירען אומגליקליך אינ'ם מאַנגעל.

ווען די יודישע טעכטער וואָלטען געפיהלט דעם צער פון כלל ישראל, און געזעהען, ווי די מענער טרינקען אין ים פון צרות, וואָלטען זיי ווי אַמאָל אין מצרים, געקומען מיט פנימיות'דיגער גבורה, מיט ריינקייט פון האַרצען, מיט האָפנונג און גלויבען, וואָס איז זיי אייגען, און ווי אַמאָל, פערטריבען די בייזע גייסטער, וואָס ליגען צושפרייט איבער'ן געמיטה פון זייערע מענער, און זיי כרעסען און זיי דריקען. אַ, די פרוי זעהט ליידען וויל זי זיי פערגלעטען,

„נשים רחמניות הן" 20).

זי וויל'ס, ווייל זי מוז'ס טהון. דאָס איז איהר מהות. מיט דעם איז זי נאָר געטריי זיך: זי קאָן אין זיך נישט אונטערדריקען דעם בעהאַלטענעם אוצר, מיט וועלכען גאָט האָט איהר האַרץ אויסגעשטאַטעט.

18) נשים עם בפני עצמן הן (שבת סב:). 19) אשה כיון שאין לה תבואה בתוך ביתה „מיד" היא צועקת (תמורה טז). 20) מגילה יד:

אַז זי איז גוט און טהוט מיט איהר גוטסקייט, האָט זי דאַמיט נאָר בעצאָהלט אַ חוב לגבי זיך. דאַמיט גיט זי קיין נדבה. די השגחה האָט זי מיט אַזאַ גרויסער מאָס גוטסקייט בעשענקט, אַז זי איז געצוואונגען גוטעס צו טהון. זאָנסט וואָלט די איבעריגע שפע זי גדישעט. דערפאַר האָבען די פרויען אפילו פאַר די צום טויט פעראורטיילטע געזאָרגט און זיי ערפרישונגען געבראַכט 21).

* * *

עס זיצט די גאַנצע וועלט אין שמידעט פלענער און טראַכט עצות ווי אַזוי אויפצוהעלפען דעם כלל ישראל אין זיין גרויסער, שרעקליכער נויט. דאָס איז אַ ודאי אַ גוטע זאַך, אַ שעהנע מיסיע.

אָבער פאַרוואָס זאָלען מיר נישט טראַכטען אליין זיך צו העלפען? פאַרוואָס לאָזען שלאָפען אין אונז די גייסטיגע, מאָראַלישע כחות, מיט וועלכע ג–ט האָט אונזער האַרץ אויסגעשטאַטעט? פאַרוואָס זאָלען מיר אונזער איידעלמוט, אונזער האַרציג מיטפיהלען, נישט אויסניצען אין לעבען?

פאַרוואָס די בעהאַלטענע אוצרות פון הערצליכקייט און צאַרטקייט, וואָס ליגט אין אַ גרויסער מאָס ביי אונזערע פרויען אויפ'ן שפיץ פון זייער נשמה, — פאַרוואָס דאָס נישט אין בעוועגונג זעצען און עס טעטיג מאַכען. וויפיל גרינגער, וויפיל ערטרעגליכער, וואָלטען זיי אונז געקאָנט דאַמיט, דאָס לעבען מאַכען!?

די יודישע וועלט ליגט אין אַ געפענגעניש. מיט וואָס קומט מען צו אַ ברודער, צו אַ נאָהענטען אין געפענגעניש? שיקט עס זיך אפשר צו קומען אין תפיסה, אין געלד אָנביטען? וואָלט'ס אפשר אין דעם פאַל נישט געהייסען: נאַ, האָסטו אַ נדבה און בעפריי מיך פון מיינע ברודערליכע פערפליכטונגען, וואָס איך האָב צו דיר?.. אויב מיר קומען בלויז מיט אַ מאַטעריעלע שטיצע אין תפיסה, הייסט'ס זעלבסט-בעשטעכונג: זיך וועלען משחד זיין, דאַדורך זיך אויסצוקויפען פון די פערפליכטונגען, וואָס מיר האָבען איינער צום אַנדערן. מיר זענען איינער דעם אַנדערן שולדיג עפּעס מעהר ווי אַ נדבה. מיר שילדען זיך, דאָס האַרץ. מיט האַרץ און וואַרעמען אַנטייל און אַלע געשעהעענישען, וואָס טרעפט אונזער נאָהענטען, קאָן מען פיל, פיל אויסטהון. פיל היילען און לינדערן.

אָט די מאָראַלישע הילף בעזיצט מעהר דאָס פרויען געשלעכט. זי האָט דאָס וואַרימקייט פון געפיהל, און די מיטלען ווי אַזוי זיך דאַמיט צו בעדינען, — מעהר פאַר'ן מאַן.

21) נשים יקרות שבירושלים היו מנדבות קורט של לבונה להיוצא ליהרג כדי שתטרוף דעתו, סנהדרין מ"ג. ע' רמב"ם פי"ג מהלכות סנהדרין ה"ג.



„ווען די פרוי איז בעשיידען, אַריינגעלאָזט אין די שטוב-פערהעלטעניסען, — איז זי מכפר אויף דער היים ווי דער מזבח.‟ 22)

„די גוטע פרוי מאַכט דעם מאַן אַ שטענדיגען יום טוב‟ 23).

„אַנ'עושר איז דער, וועמענס פרוי עס דריקט אויס איהר שעהן-גייסט און גוטסקייט — אין שעהנע מעשים.‟ 24)

דאָס איז די יודישע פרוי: זי קומט צום מאַן, וואָס לעבט ווי אין אַ תפיסה, מיט איהר האַרץ-פערמעגען. מיט די ווייכע-מילדע בעשיידען-אָנגענעהמע נחמה-ווערטער, צוטרייבט זי די בייזע כמאַרעס, וואָס נעמען זיין האַרץ געפאַנגען.

אָבער ווי שווער איז די זינד, אַז מען קומט אין תפיסה צום מאַן מיט תביעות. ווי שרעקליך איז דער חטא, אַז מען וויל נישט זעהן דעם טויטען-ראַנגעל, וואָס דער מאַן, אָדער פאָטער געהען דורך, און מ'קומט צו זיי מיט איינגערעדטע מוזען, מ'זאָל זיי נאָכקומען. מ'האָט זיך איינגעוואוינט צו נויטווענדיגקייטען, וואָס זענען לגמרי איבעריג, און מ'האָט נאָך די דרייסטקייט זיך אונצופרידען, יאָ, אונגליקליך צו זיין, אַז מ'ערפילט נישט די קליינליכע פערלאַנגען. — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אָך, דער מזבח אין ווינקעל פון דער יודישער היים — איז חרוב. עס ליכט נישט מעהר אויף איהם, דאָס בעשיידענע, צניעות'דיגע פייער, וואָס זאָל דעם חושך פון שטוב פערטרייבען...

אָה, דו הייליגער מזבח: לעב אויף דאָס שעהנע פייער, וואָס האָט פון דיר געלויכטען! איהר יודישע טעכטער, קומט צו אייערע נאָהנטע, וואָס לעבען ווי אין אַ תפיסה, נישט מיט תביעות און אָבנאַרענדע פערלאַנגען, נאָר ווי אייערע אמהות זענען געקומען צו זייערע מענער אין גלות מצרים, מיט גייסט, מיט האָפענונג און מוט, כדי אין דעם געפאַנגענעם אויך דאָס זעלבע אַריינהויכען. קומט מיט האַרץ און איבערצייגענדע נחמה-געדאַנקען, וואָס זאָלען אַרויסשפּרודלען פון די טיפעניש'ען פון אייער נשמה, כדי זיי זאָלען די אמת'ע ווירקונג האָבען.

דערצו איז נויטיג פאַר אַלעם: אַנ'אמת'ער טיפער אַנטייל אין אַלעם וואָס געשעהט מיט'ן פאָלק, טיילען זיינע ליידען און מיטגעריסען זיין אין זיינע פריידען. נישט מעהר זיין אַ פאָלק פאַר זיך. נישט איילען זיך ווערהע-

22) בזמן שאשה צנועה „בתוך‟ ביתה מכפרת כמזבח על הבית. (תנח' וישלח). 23) וטוב לב משתה תמיד — אשה טובה. (ב"ב קמ"ה). 24) איזהו עשיר — שיש לו אשה נאה במעשי'. (שבת מ"ה).

טוגען, איילען לײדען. נאָר פיהלען די אָרגאַנישע פערבינדונג מיט'ן פאָלק און זיינע נסיונות.

דאַמאָלס בעקומען די לײדען אַ זין. די פרוי ווייסט פאַרוואָס זי לײדט. זי קאָן דעם סוד פון איהרע וועהטאָגען: זי איז אַ יודישע טאָכטער. — — —

אָבער אין דעם מצב אין אין דער בעציהונג צום פאָלק, ווי ר'זעהט היינט אויס, האָבען איהרע לײדען קיין ציעל און קיין זין. אין מיר הערען, ווי אין וועלטס-חלל לויפט ארום דער האַרץ-רייסענדער וועה-געשריי, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער פערבלוטיגטער פרוי-נשמה: פאַרוואָס לײדען מיר אַזוי שווער? צוליב וואָס פלאָגען מיר זיך, צוליב וואָס אַזוי וועהטאָגען? צוליב וואָס?? — — זייענדיג אָבגעריסען פון פאָלק, פון זיין ג—ט, זיין תורה און זיין גורל. נישט וויסענדיג און נישט פיהלענדיג דאָס הויכע און הייליגע שליחות פון זיין אומה. נישט בעקאַנט זיין, מיט זיין גרויסע מיסיע, פרעמד זיין אייביג געהויבען-אומעטיג-געמיטה. טאָ, פרעגט זיך דיזער: פאַר-וואָס אַזוי לײדען?

אַ זאָלכע זינלאָזע לײדען, ווי צעררייסען די נשמה אויף שטיקער!!

זאָלען מיר וויסען, צוליב וואָס מיר לײדען, זאָלען מיר קענען דעם סוד פון די יסורים. אַך, וויפיל לייכטער וועט דאָס זיין פאַר דער יודישער טאָכ-טער, אַז זי וועט צוזאַמענשמעלצען מיט'ן פאָלק. אַז זי וועט זיין קולטור, זיינע חיובים דערקענען און זיין צער פערשטעהן, דאַמאָלס וועט זי ווייטער נעמען אַ חלק אין אַלעם, וואָס געשעהט מיט איהר פאָלק, און וועט ווייטער איהם געבען פון אַלעם האַרציגען, פון אַלעם צאַרטען, וואָס השי"ת האָט אין איהר האַרץ בעהאַלטען.

זי וועט העלפען דאָס פאָלק אויפהעבען און העכער שטעלען...

מוטיג וועט דאַן זיין איהר שירה, די קרעפטיגע זיגעס-שירה פון דער צוקונפטיגער גאולה. — — —

שאָץ, אדר רפ"ו.



# פרקי אבות

**איבערזעצט און פאָפולאַריזירט דורך: א. ג. פרידענזאָן.**

## פרק ב.

### א.

רַבִּי זאָגט: וועלכע איז דער גליקסטער וועג, וואָס דער מענש זאָל זיך אויסקלויבען? — יעדער, וועלכער בעשיינט איהם אליין אין זיינע אייגע-נע אויגען און מאַכט איהם בעשיינט אין די אויגען פון אנדערע. זיי געוואָרענט אין (צו טהון) אַ לייכטע מצוה ווי אין אַ שווערע — דו ווייסט דאָך נישט דעם שָׂכָר, וואָס מען בעקומט פאַר דער מצוה. בערעכען דעם שאָדען פון דער (נישט געזעהענער) מצוה, אַקעגען איהר שכר און פון דער עֲבֵרָה פערגלייך מיט'ן שאָדען, וואָס זי ברענגט מיט זיך. קוק זיך איין אין דריי זאַכען, וועסט נישט קומען צו קיין עברה: דערוויס זיך, וואָס עס געפינט זיך העכער איבער דיר: אַ אויג, וואָס זעהט, אַ אויער, וואָס הערט און אַלע דיינע מעשים ווערען אין אַ סֵפֶר פערשריבען.

### ב.

רַבָּן גַּמְלִיאֵל, דער זוהן פון רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא זאָגט: עס איז גוט צו לערנען די תורה (צוזאַמען) מיט אַ וועלטליכער בעשעפטיגונג. די ארבייט איבער זיי ביידע, מאַכט דיך פערגעסען פון זינד. די תורה, וואָס איז נישט צוזאַמען מיט אַ מלאכה ווערט בטל און ברענגט דיך צו זינד. אַלע, וואָס פער-נעמען זיך מיט געזעלשאַפטליכע אינטערעסען, דאַרפען זיך דערמיט פער-נעמען אויפ'ן ריינעם געטליכען אידעאַל, דעמאָלס וועט זיי דער זכות פון אונזערע אָבות בייזשטעהן, זייער צדקות וועט בלייבען אויף אייביג און (אפילו איהר קאָנט נישט אַלץ אויספיהרען) זאָג איך (גאָט) אייך צו דעמזעלבען שכר, ווי איהר וואָלט געווען אַלץ אויסגעפיהרט.

### ג.

גיט אייך נישט צופיל אָב מיט די מאַכט-האָבער'ס, זיי זענען נאָר מקרב אַ מענש, צוליב זייער אייגענעם נוצען. זיי פערשטעלען זיך פאַר דיינע

פריינד, בעת זיי האָבן פון דיר אַנ־ציען און ווילן דיך נישט קענען בעת עס הויבט דיר אָן געהן שלעכט.

ד.

ער האָט אויך געפלעגט זאָגען: מאַך זיין (ג־ט'ס) רצון פאַר דיין רצון, זיי מבטל דיין אייגענעם רצון פאַר זיין (ג־ט'ס) רצון, כדי ער (ג־ט) זאָל מבטל זיין דעם ווילען פון אַנדערע פאַר דיין ווילען.

ה.

הלל זאָגט: דערווייטער דיך נישט פון דער געזעלשאַפט, גלויב נישט אין דיר ביז אין טאָג פון דיין טויט און פערמשפט נישט דיין חבר ביז דו וועסט זיין (בעטראַכטען) אין זיין לאַגע. זאָג נישט, אַז געוויסע שטעלען אין דער תורה זענען אונפערשטענדליך, (אויב דו וועסט זיך בעמיה־ען) וועסטו עס סוף כל סוף יאָ פערשטעהן. זאָג נישט: אַז כ'וועל צייט האָבען, וועל איך לערנען, טאָמער וועסטו קיינמאָל נישט האָבען קיין צייט.

ו.

ער (הלל) האָט אויך געפלעגט זאָגען: אַ רויהער מענש האָט נישט מורא (היט זיך נישט) פאַר קיין זינד: אַן עם הארץ קען נישט זיין קיין חסיד; אַ שעמעוודיגער — קיין למדן; אַ בייזער — קיין לערער; נישט דער וואָס פיהרט אַ סאַך מסחרים — הייסט שוין אַ חכם; וואו עס זענען קיין מענשען נישטאָ — בעמיה זיך אַליין צו זיין אַ מענש.

ז.

ער (הלל) האָט אויך געזעהן אַ קאָפּ, וואָס איז געשוואומען אויפ'ן וואַסער — האָט ער איהם געזאָגט: ווייל דו האָסט דערטרונקען — האָט מען דיך דערטרונקען, און דער סוף (וועט זיין) פון די, וואָס האָבען דערטרונקען — זיי וועלען אַליין דערטרונקען ווערען.

ח.

ער (הלל) האָט אויך געפלעגט זאָגען: וואָס מעהר פלייש — מעהר ווערים; וואָס מעהר רייכטום — מעהר זאָרג; וואָס מעהר ווייבער — מעהר כישוף; וואָס מעהר דינסטען — מעהר אויסגעלאַסענהייטען; וואָס מעהר קנעכט — מעהר גזלה — אָבער וואָס מעהר תורה — מעהר לעבען; וואָס מעהר לערנען — מעהר חכמה; וואָס מעהר עצות — מעהר פערשטאַנד; וואָס מעהר צדקה — מעהר שלום. האָסטו דיר געקויפט אַ גוטען נאָמען, האָסטו דיר שוין עפּיס איינגעקויפט; האָסטו דיר געקויפט תורה־קענטעניס — האָסטו דיר איינגעקויפט עולם הבא.

ט.

רבי יוחנן בן זכאי האָט געלערנט ביי הלל און שמאי — ער האָט גע־



פלעגט זאָגען: אויב האָסטו געלערנט אַ סאַך תורה — האַלט דיך נישט גרו... דערמיט, ווייל צו דעם ביסטו בעשאַפען געוואָרען.

י.

פינף תלמידים האָט געהאַט רבי יוחנן בן זכאי (צווישען אַנדערע) ד... זענען זיי: רבי אליעזר בן הורקנוס, רבי יהושע בן חנני', רבי יוסי הכ... רבי שמעון בן נתנאל און רבי אליעזר בן ערך.

יא.

ער (רבי יוחנן בן זכאי) האָט אויסגערעכענט זייערע מעלות: ... אליעזר בן הורקנוס איז אַ אויסגעקאַלכטער גרוב, וואָס פערליערט נישט ... טראָפּען; רבי יהושע בן חנני' — וואויל איז זיין מוטער; רבי יוסי הכה... אַ חסיד; רבי שמעון בן נתנאל אַ אָבגעהיטענער פון זינד און רבי אלי... בן ערך אַ שפרודעלדיגער קוואַל.

יב.

ער (רבי יוחנן בן זכאי) האָט געפלעגט זאָגען: אויב אַלע חכמים ... יודישען פאָלק וועלען זיך געפינען אויף איין שאָל פון דער וואָג און ... אליעזר בן הורקנוס — אויף דער צווייטער — וועט ער איבערוועגען אַלע... אַבא שאול האָט געזאָגט אין זיין נאָמען (פון רבי יוחנן בן זכאי), אויב ... יודישע חכמים וועלען זיך געפינען אויף איין שאָל פון דער וואָג, מיט ... אליעזר בן הורקנוס אינאיינעם און רבי אליעזר בן ערך אויף דער צווי... — וועט ער אַלעמען איבערוועגען.

יג.

ער האָט זיי (זיינע תלמידים) געזאָגט: געהט און בעטראַכט, וועל... איז דער בעסטער וועג (מדה), אין וועלכען דער מענש זאָל זיך האַלטען. ... אליעזר האָט געזאָגט: אַ גוט אויג, רבי יהושע — אַ גוטער חבר, רבי יוס... אַ גוטער שכן, רבי שמעון — דער וואָס בעטראַכט די פאָלגען און רבי אל... האָט געזאָגט: אַ ג ו ט ה אַ ר ץ. האָט ער (רבי יוחנן בן זכאי) זיי געזאָ... מיר געפעלט בעסער די תשובה פון אליעזר בן ערך מעהר פון אייערע, ... זיין תשובה נעמט שוין אויך אין זיך אַריין אייערע.

יד.

ער (ר' יוחנן בן זכאי) האָט צו זיי געזאָגט: געהט און בעטראַכט, וועלכער ... דער שלעכטער וועג, פון וועלכען דער מענש זאָל זיך דערווייטערען. האָט רבי אל... געזאָגט: אַ שלעכט אויג, רבי יהושע — אַ שלעכטער חבר, רבי שמעון — דער ... באָרגט זיך און בעצאָהלט נישט, סיי דער וואָס באָרגט זיך ביי אַ מענש, סיי ... וואָס באָרגט זיך ביי ג־ט. אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: דער רשע ב... זיך און בעצאָהלט נישט, דער צדיק איז אַ דערבאַרימדיגער און גיט (ת... ל"ז כ"א) און רבי אליעזר האָט געזאָגט: אַ ש ל ע כ ט ה אַ ר ץ. האָט

רבי יוחנן בן זכאי) געזאָגט: מיר געפעלט בעסער די תשובה פון **אליעזר** בן ערך מעהר פון אייערע, ווייל זיין תשובה ב[illegible]ט שוין אויך אין זיך אריין — אייערע.

## טו.

זיי (רבי יוחנן בן זכאי'ס תלמידים) האָבען געזאָגט דריי **זאַכען. רבי** אליעזר האָט געזאָגט: זאָל דיר זיין דיין חבר'ס כבוד אַזוי טייער, ווי דיין אייגענער כבוד. ווער נישט פלינק אין כעס. טהו תשובה איין טאָג **פאַר** דיין טויט; וואַרעם דיך ביים ליכט פון די חכמים, היט דיך אָבער זאָלסט זיך נישט אָפּבריהען אין זייערע קוילען, ווייל זייער ביס איז אַ ביס פון אַ פוקס, זייער שטאָך איז אַ שטאָך פון אַ עקדיש און זייער סיק איז אַ סיק פון אַ שלאַנג, און אַלע זייערע רייד זענען ווי גליהענדיגע קוילען.

## טז.

רבי יהושע זאָגט: אַ עין הרע, דער יצר הרע און די שנאה צו מענשען — ברענגען אום דעם מענש פון דער וועלט.

## יז.

רבי יוסי זאָגט: זאָל דיר דיין חבר'ס געלד **זיין** אַזוי טייער, ווי דיין אייגענס, ברייט דיך פאָר צום לערנען תורה — די תורה איז דאָך נישט קיין ירושה־זאַך; אַלע דיינע מעשים זאָלען זיין לשם שמים.

## יח.

רבי שמעון זאָגט: לייען מיט כונה קריאת־שמע און יעדע אַנדערע תפלה, און אַז דו דאַווענסט — האָב נישט אין זין פּטור צו ווערען דאָס דאַווענען. מאַך זי, די תפלה, פאַר אַ הייס רחמים'דיג געבעט צו ג—ט: אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: ער (ג—ט) איז דערבאַרימדיג און לייטזעליג, ער איז געדולדיג און פול מיט חסד און קעהרט אָב דאָס שלעכטע (וואָס ער האָט פריהער אײנמאָהל געהאַט בעשטימט). האַלט דיך נישט פאַר קיין רשע אין דיינע אייגענע אויגען.

## יט.

רבי אליעזר זאָגט: פלייס דיך צו לערנען תורה, כדי דו זאָלסט וויסען צו ענטפערען אַ אפיקורס; וויס פאַר וועמען דו בעמיהסט זיך און ווער עס איז דיין האַר, וואָס וועט דיר צאָהלען פאַר דיין אַרבייט.

## כ.

רבי טרפון זאָגט: דער טאָג איז קורץ, ארבייט איז **דאָ אַ סאַך, די** ארבייטער זענען פויל, דער שכר איז גרויס און דער בעל־הבית **איילט אונטער.**

## כא.

ער (רבי טרפון) האָט אויך געפלעגט זאָגען: נישט **דו ביזט מחויב צו** פארענדיגען די אַרבייט, **ביזט** אָבער אויך נישט פריי **אַרויסצודרעהען** זיך פון



איהר. אויב האָסטו געלערנט אַ סאַך תורה — וועסטו בעקומען דערפאַר **פיל** שכר, און בעגלויבט איז דיין בעל־הבית, אַז ער וועט דיר בעצאָהלען דעם **שכר** פון דיין אַרבייט. וויס אויך, אַז דעם שכר, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר די **צדיקים** — איז אויף יענע וועלט.

---

שיינדל מייער

# ילתא —
# נישט קיין גוטע ערציהערין.

ילתא איז געווען די טאָכטער פונ'ם ריש גלותא, רבה בר אבוה און פר[illegible] פון רב נחמן דעם אב בית דין.

דער ריש גלותא, וועלכער איז אַלעמאָל אויסגעקליבען **געוואָרען פון** [illegible] פאַמיליע, וואָס האָט געשטאַמט פון דוד המלך, איז ביי די יודען **פערעהו[illegible]** געווען ווי אַ מלך; זיינע הכנסות זענען געווען גרויס, דאָס לעבען **איז געוו[illegible]** הויפמעסיג און מאַיעסטעטיש; דאָרט האָבען אויך פערקעהרט די מלכים **פון בב[illegible]**

ליידער האָט די סביבה פונ'ם ריש גלותא זיך אָבגעלערנט פון די **שלעכ[illegible]** מדות, וועלכע די ערשטע האָבען געהאַט און דאַדורך, דערווייטערט **געוואָר[illegible]** פון יודישקייט. כאַראַקטעריסטיש איז אַנ'אָרט אין תלמוד, איבער דעם מ[illegible] וואָס ווערט דערצעהלט: „**רב ששת האָט** אָבגעוואָרפען די איינלאַדונג פו[illegible] ריש גלותא, צום טיש צו קומען, מחמת ער האָט געהאַט ידיעות, אַז ס'פיהרט [illegible] נישט כשר" (גיטין ס"ד, ס"ח).

נאַטירליך האָט זיך דאָס אָבגעשפּילט אונטער דעם ריש גלותא'ס **רוקען.**

ילתא האָט אַזוי אַרום זיך אָנגעזויגען מיט פרעמדע אייגענשאַפט[illegible] וועלכע האָבען נישט קיין אָרט אין אַ אמת יודיש הויז. **נאָך** דעם אויבענד[illegible] מאָנטען פאַל, דערצעהלט דער תלמוד, האָט דער ריש **גלותא** בעשלאָסען, זעצען אַ משגיח אויף דער ווירטשאַפט און אויף דעם אַמט **איז אויסגעווע[illegible]** געוואָרען רב עמרם חסידא.

ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און רב עמרם האָט זיך **געפונען** **אַ** סכנה; נישט קיין סך האָט געפעהלט און רב עמרם **וואָלט זיין לעבען פ[illegible]**

לוירען, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ילתא האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער ניצל געוואָרען (גיטין שם).

דאַרף מען נאָך ווערטער, כדי די פערדאָרבענהייט, וואָס האָט געהערשט אין די נאָהנסטע אומגעבונג פונ'ם ריש גלותא, צו שילדערען?

איבערדעם קען מען איבער ילתא אַ שלעכטען אורטייל נישט אַרויסגעבען, ווען מען זעהט אפילו איהרע שוואַרצע זייטען און חסרונות, וועלכע זענען איהר ממילא געקומען פון דער שלעכטער סביבה אין וועלכער זי האָט פערברענגט איהרע יונגע יאָהרען. זי האָט געזעהן דאָס פערהייליגען און פערעהרען די פערסישע פירשטען דורך זייערע אונטערטאַניען, ביי די בעזוכען אין איהר פאָטער'ס הויז; זי האָט אויך געזעהן און געוואוסט, דאָס פאַר יעדער קליי-ניגקייט האָבען די בבליים אָדער פערסער האַרט בעשטראָפט זייערע אונטער-טעניגע, דאָס האָט אויף איהר געמאַכט אַ טיפען איינדרוק און ס'האָט זי אויך צו אַ זעלכעס געווייצט. דעריבער דאַרף אונז נישט חידוש'ן, אַז רב נחמן, איהר מאַן, האָט פערלאַנגט פון די געסט, וואָס זענען צו איהם געקומען, אַז זיי זאָלען ילתא'ן אויך בעגריסען, פערשטעהט זיך אויף אַזאַ אופן, וואָס איז מותר על פי התורה (קדושין ע), ווייל ער האָט איהר נאַטור געקענט, האָט ער געוואָלט אויסמיידען אונאַנגענעהמע סצענעס; דען ס'האָט זיך געטראָפען, אַז אַן'אָנגעזעהענער יודישער געלעהרטער, האָט נישט געוואָלט נאָכקומען רב נחמנ'ס וואונש, זענען נעבעך ביידע, דער גאַסט און רב נחמן פון ילתא'ן בעשטראָפט געוואָרען. דער ערשטער מיט אַ בעליידיגונג און דער אַנדערער מיט אַ גרויסען געלד שאָדען; זי האָט פאַר כעס, צעלעגט ערדענע וויין-קרוגען צובראָכען (ברכות נ"ד).

ווען איינער וועט שטעלען די פראַגע, וואָס איז אייגענטליך ילתא געווען? קענען מיר ענטפערען, ילתא איז געווען אַלץ נאָר נישט קיין ער-ציהערין!

ילתא איז געווען אַ פרוי פון הויכע בעגאַבונג. חוץ דעם וואָס זי האָט פערמאָגט וועלטליכע ידיעות, האָט זי אויך געהאַט אַ סך יודיש וויסען. די יודישע הלכה איז איהר גוט בעקאַנט געווען. גאָר שעהן צייכענט זי זיך אויס ביי איהר פאָרמירען אַ ריטועלע שאלה. ר'אגע; זי פרעגט: ס'איז בעקאַנט, אַז פאַר יעדען געגענשטאַנד, וואָס די תורה האָט איהם פערבאָטען איז אַ ערזאַץ פערהאַן. צום ביישפיל די תורה האָט גע'אסר'ט בלוט, מען קען אָבער דעם בלוטגענוס האָבען בהיתר אין אַ לעבער, וועלכע איז פול בלוט. הלב פון אַ בהמה טאָר מען נישט געניסען, דאַגעגען חלב פון אַ חיה יאָ! וועלכען ערזאַץ אָבער האָבען מיר פאַר בשר בחלב? (חולין ק"ט) דערפון זעהט מען, אַז זי האָט געלערנט מיט אַ סיסטעם און האָט געהאַט אַ טיפען דענקעריש געזעצטען מוח.



ילתא איז אַלדינג געווען נאָר נישט קיין ערציהערין.

ווייל ילתא איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען אינ'ם רוישענדען אויפלעבען פון ריש גלותא, האָט זי דאָס מין לעבען ליב בעקומען, אַז אפילו נאָך איהר חתונה מיט רב נחמנ'ען האָט זי נאָך אויפ'ן פאָליטישען געביט, איהרע כחות געווידמעט און איהר היים שטאַרק פערנאַכלעסיגט, ביי איהר איז אַ שטילע יודישע היים געווען אַן'אַבסטראַקטער בעגריף, אַ מושלת, אַ מאַכטהאָבערין האָט זי געוואָלט זיין; דורכדעם האָט די נישט יודישע קול-טור פערנומען אַ ברייטען פלאַץ אין איהר הויז, מ'האָט זיך נישט בעגנוגט מיט די שפראַך, וואָס אַלע יודען האָבען גערעדט (קדושין ע') די טעכטער האָבען געלערנט די כשוף-קונסט און זיך אויך דערמיט בענוצט (גיטין מ"ה). פון יודישקייט זענען זיי געווען גאַנץ דערווייטערט.

ילתא איז אין דעם שולדיג געווען, ווייל זי האָט זיך מיט דער טעכ-טער ערציהונג נישט אָבגעגעבען אויף דעם אופן ווי עס פערלאַנגט די יודי-שע תורה. נישט דאָס איז ערציהונג, אַז אַ קינד קען נאָך אַ וויסענשאַפט, בענוצט נאָך אַ פאָר שפראַכען, אונזער תורה פערלאַנגט צניעות, ליבשאַפט צו מוסר און מצות און שנאה צו פריצות און אויסגעלאַסענהייט.

אויף די פעהלער האָט שטאַרק קריטיקירט רב יהודה. גאָר ברוגז איז ער געווען פאַר וואָס ביי רב נחמנ'ען אין הויז האָט מען צוגעלאָזט מיידלעך צו בעדינען מענליכע געסט (קדושין ע"ב).

ילתא האָט געשיקט שאלות פרעגען און די קינדער — נאָר די טעכטער — האָבען זייער ריקען צום יודענטום געווענדעט (גטין מ"ה) וואָסער קאָנטראַסט!

דאָס נישט צו פאַסען זיך פון די קינדער צו די עלטערן האָט אויך רב יצחק בעמערקט, ווען רב נחמן האָט פון איהם פערלאַנגט ער זאָל איהם איבערלאָזען אַ ברכה, האָט רב יצחק נישט געפינען קיין אַנדערע ברכה פאַר רב נחמנ'ען ווי: אַלע דיינע קינדער זאָלען זיין ווי דו (תענית ה').

רב נחמן, וואָס די אַלע פעהלער האָבען איהם שטאַרק וועה געטהון, האָט זיך דאַדורך איבער דער פרוי אויסגעדריקט „לא יאה יהרותא לנשי" (מגלה י"ד). כלל אינטערעסען וואָס קאָנען צו פיהרען, אַז קינדער זאָלען זיך ווענדען צום נישט יודישען גייסט, דאָס דאַרפען יודישע פרויען אויסמיידען.

אַ פרוי איז געאייגענט צו פיהרען הויז-ווירטשאַפט, ערציהען קינדער, שטיל, יודיש, אַכט לעגען, אַז די קינדער זאָלען נישט האָבען שלעכטע חברים; אַ פרוי דאַרף פיהרען אַ האַרמאָנירענד לעבען מיט'ן מאַן, און דער עיקר: וירקען ס'זאָל שיינען דאָס געטליכע ליכט, דאָס ליכט פון דער תורה אין איהר הויז, אָט דאָס דאַרף זיין איהר איינציגער אידעאַל און ענדציעל.

# אונזערע אמאליגע גייסטיגע ריזען

(פון די יאָהרען 4854 ביז 4950.)

אין די זעקס און נײַנציג יאָהר פון ד׳ תתנ״ד ביז ד׳ תתק״ן זענען
ים יודישען פאָלק געווען איינגע גרויסע חכמים און גייסטיגע ריזען, וועל-
עס נעמען ווערען נאָך געהאַלטען הייליג און גרויס ביז׳ן היינטיגען טאָג.
צווישען די אַלע גדולי ישראל פון יענער צייט, זענען הויפּטזעכליך
עוואוסט, דער רמב״ם, ר׳ אַברהם אבן עזרא, ר׳ יהודה הלוי און רש״י
קדוש און מיר וועלען דאָ דערצעהלען איינגע אינטערעסאַנטע זאַכען וועגען
י דערמאָנטע פיער גדולים.

אַזוי ווערט דערצעהלט אין דעם ספר „שלשלת הקבלה״ וועגען דעם
מב״ם, אַז זיין פאָטער איז געווען אַן אַלטער בחור, וועלכער האָט נישט
גוואָלט חתונה האָבען, אָבער איינמאָל, ווען ער איז שוין געווען אין די
ל...רע יאָהרען, האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט, אַז ער מוז פאָהרען אין דער
טאָדט קורדובה (שפאַניען) און דאָרט חתונה האָבען מיט אַ געוויסען קצב׳ס
טאָכטער, איז ער אַהין אָבגעפאָהרען און טאַקי געהייראַט מיט יענעם מיי-
על, וועלכע האָט איהם געבוירען אין אַ שבת נאָכמיטאָג דעם רמב״ם.

אַלס יונגעל איז דער רמב״ם געווען גאָר נישט קיין גראָטעגער, ער
אָט געהאַט אַ שלעכטען קאָפּ, נישט געקענט זיך אויסלערנען אפילו דעם
לף-בית, און זיין פאָטער האָט איהם אַרויסגעטריבען פון הויז, האָט ער אי-
ערגעגעכטיגט יענע נאַכט אין בית-המדרש און אויף מאָרגען איז ער געוואָ-
ען גאָר אַן אַנדערער מענש, ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַן עילוי,
ר איז אַוועק צו דעם דאַמאָלדיגען חכם ר׳ יוסף מן מיגש, און ווען ער
אָט זיך צוריקגעקעהרט נאָך קורדובה אַלס יונגערמאַן, איז ער שוין געווען
ער גרויסער רמב״ם. ער האָט אין אַן עפענטליכער דרשה געלערנט איבער-
אַשט און זיינע עלטערן האָבען פאַר נחת געוויינט און איהם געקושט און
עהאַלזט.

שפּעטער איז ער געוואָרען אויך דער גרעסטער דאָקטאָר פון זיין צייט.
ר האָט געדינט אַלס לייב-דאָקטאָר פון מלכים און רעגענטען, נאָר שטענדיג
אָבען איהם גע׳רודפ׳ט פערשידענע אַנטיסעמיטען און יעדעס מאָל האָט ער
י בעזיגט דורך זיין חכמה. אַזוי האָט ער איינמאָל זיך געמוזט אַרומקריגען
יט די עגיפּטישע דאָקטוירים אין דער אָנוועזענהייט פון דעם סולטאַן און
י האָבען אויף זיך גענומען אויסצוטרינקען דעם סם-המות, וואָס דער רמב״ם



וועט זיי געבען, אויב ער וועט צוערשט אויסטרינקען אַ גלאָז סם, וואָס ז
וועלען איהם געבען. געמיינט האָבען זיי, אַז דער רמב״ם וועט אויסטרינקע
דיג דעם סם באַלד אַנידער פאַלען און דאַן וועלען זיי פטור זיין פון טרינקו
דעם סם וואָס ער דאַרף זיי געבען. אָבער דער רמב״ם האָט אויסגעטרונקו
זייער סם און איז אַרויס פון פּאַלאַץ, וואו עס זענען געשטאַנען זיינע תלמידי
און זיי האָבען איהם תיכף געראַטעוועט דורך אַ מיטעל, וואָס ער האָט ז
פריהער אָנגעזאָגט. צו מאָרגענס איז ער געקומען אין פּאַלאַץ און געגעבו
סם צו די דאָקטוירים, זיי זאָלען אויך אויסטרינקען און ווייזען אַ קונץ ז
בלייבען לעבען, און גאַנצע צעהן שטיק פון די אַנטיסעמיטען האָבען עס גו
מוזט טרינקען און זיי זענען אויפ׳ן אָרט געפאַלען טויט.

סוף-כל-סוף אָבער האָט דער רמב״ם געמוזט אַנטלויפען צוליב די מסירו
און בלבולים, וואָס שונאי ישראל האָבען אויף איהם געמאַכט און ער האָ
זיינע לעצטע יאָהרען פערברענגט אין אַ הייל, וואו ער האָט זיך בעהאַלטע
פאַר די שונאים און געשאַפען זיינע וואונדערבאַרע ווערק.

נאָך זיין טויט האָבען איהם די תלמידים געבראַכט צו קבורה נאָך אר
ישראל, אַזוי ווי יעקב אָבינו, און באַנדיטען זענען זיי בעפאַלען און געוואָל
צונעמען דעם קאָסטבאַרען אָרון, אָבער זיי האָבען איהם נישט געקענט ריהרע
פון אָרט און דערפון האָבען זיי פערשטאַנען, אַז דער נפטר מוז זיין אַ געט
ליכער מאַן, האָבען זיי געבעטען ביי די נפטר מחילה און אַליין מיטגעגאַנגע
אַלס עהרען-וואַך.

אין פיל יודישע ישובים פון יענער צייט, האָבען די קהלות גוזר-תעני
געווען אין טאָג פון דעם רמב״ם׳ס טויט און אַלע יודען האָבען געפיהלט, ז
אָהן דעם גרויסען צדיק הדור, איז דאָס יודענטום פערבליבען אַ יתום, אויכ
געזעצט צו די גרעסטע געפאַהרען, חלילה.

———

וועגען רש״י הקדוש ווערט דערצעהלט אין דעם זעלבען ספר „שלשל
הקבלה״, אַז זיין פאָטער האָט געהאַט אַ גרויסען ווערטפולען דימאַנט, וועלכע
די קריסטען פון זיין שטאָדט האָבען געוואָלט אָפּקויפען פון איהם פאַר זייע
צוועק, אָבער ער האָט עס נישט געוואָלט פערקויפען און ער האָט זיך אויכ
געדרעהט אויף אַלערליי אופנים, אָבער איינמאָל האָבען איהם די מענש
פערנאַרט אויף אַ שיף, כדי דאָרטען אַרויסצופרעסען פון איהם דעם שטיי
און ווען ער האָט זיך געכאַפּט ווי ער איז אַריינגעפאַלען, האָט ער ניש
געקוקט אויף דעם גרויסען ווערט פון זיין דימאַנט און האָט איהם אַריינגע
וואָרפען אין ים אַריין. פּונקט דאַמאָלס האָבען די תלמידים פון זיין בית המדר
דערהערט אַ בת-קול, אַז ביי ר׳ יצחק׳ן וועט דאָס יאָהר געבוירען ווערען
זוהן, וועלכער וועט בעליכטען די אויגען פון גאַנצען יודישען פאָלק או

נעם יאָהר איז טאַקי ביי ר׳ יצחק׳ן געבוירען געוואָרען רש״י און דער
יקליכער פאָטער האָט דערלעבט דעם גרעסטען נחת פון איהם.

צו פינף און דרייסיג יאָהר איז רש״י אַוועק איבער דער וועלט צו
יסגעפינען אויב עמיצער האָט נישט געמאַכט א בעסערען פירוש אויף דער
רה שבכתב ושבעל פה פון זייעם. און ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט
עם רמב״ם, די ביידע האָבען זעהר פיל גוט דעם אייגער פון דעם גוישען.

דער רמב״ם האָט נאָכהער געשריבען פאָלגענדע ווערטער: „וואָן נישט
ער פראַנצויז (מיינענדיג רש״י, וועלכער איז געווען פון פראַנקרייך) וואָלט
יך געקענט מאַכען אַ זעהר שעהנעם פירוש אויף תנ״ך און תלמוד, אָבער
ר האָט זיך מקדים געווען און מיר גאָרנישט איבערגעלאָזט, אויסער קליי
גקייטען״.

רש״י הקדוש האָט נישט געהאַט קיין זיהן, בלויז דריי טעכטער און
ר האָט זיי חתונה געמאַכט פאַר גדולי הדור און געהאַט אייניקלעך גדולים
ישראל, ווי דער רשב״ם, רבנו תם, ריב״ן.

אין יענער צייט האָט אויך געלעבט די בעריהמטע גדולי ישראל, דער
ד״ק (ר׳ דוד קמחי), דער פייטן ר׳ יהודה אלחרוזי, דער חזקוני מיט זיינע
עכציג תלמידים בעלי תלמוד ובעלי קבלה, און עס זענען אויך געווען אַנ
ערע גייסטיגע ריזען אין יענעם יאָהר.

(ענדע קומט)



# די כלה און דער שלאַנג

(א תלמודישע ערצעהלונג)

הרב צ. ה. פערבער

איינמאָל, דערצעהלט די גמרא, האָבען די שטערענזעהער וואָס קוקען אויפ׳ן הימעל און זאָגען פאַראויס דעם מענשען׳ס שיקזאַל, דערזעהען אַז אין רבי עקיבא״ס הויז וועט אַ אומגליק געשעהן, אַ גרויס אומגליק.

אַ צייט לאַנג האָבען זיי די שרעקליכע נבואה געהאַלטען ביי זיך. זיי האָבען מורא געהאַט עס אַרויסצורעדען פון מויל.

דערנאָך האָבען זיי צווישען זיך עצות געהאַלטען, אסיפות גערופען, גע-קלעהרט און געקלעהרט, ביז ביי זיי איז געבליבען אָנצוזאָגען רבי עקיבא׳ן די שרעקליכע בשורה...

האָבען די שטערענזעהער געשיקט צום תנא אַ שליח מיוחד מיט די ווערטער:

— מיר האָבען געקוקט אויפ׳ן הימעל, און געזעהן האָבען מיר, אַז דיר און דיין הויז ערוואַרטעט אַ שרעקליך אומגליק, הייליגער תנא!

דאָס האַרץ ציטערט אונז ווען מיר דענקען נור וועגען דעם מיר האָבען געוואַרט און געוואַרט, געטראַכט און נאָך אַ מאָל געטראַכט, נור זאָגען מוזען מיר עס — דיין טאָכטער וועט שטאַרבען!...

און שטאַרבען וועט זי אין דעם גליקליכסטען מאָמענט פון איהר לעבען אין דעם טאָג פון איהר חופה, וועט איהר אַ בייזע שלאַנג אַ ביס טהון און זי וועט אָפגעריסען ווערען פון דער וועלט.

דאַס האָבען אונז די שטערען אָנגעצייגט, און דאָס גיבען מיר דיר מיט צעבראָכענע הערצער איבער, גרויסער תנא!

און אַז רבי עקיבא האָט דאָס דערהערט, איז ער שיער נישט אומגע-קומען פון צער.

די טאָכטער איז געווען זיין אויג אין קאָפּ. שעהן ווי דער טאָג, וואונ-דערבאַר מיט איהר חן און חכמה, און איז ביי איהם זיין טייערסטער אוצר געוועזען, ער האָט זי געהיט און ערצויגען מיט דער טיפסטער אויפמערק-זאַמקייט און פאָטערליכער ליעבשאַפט.

און שווער איז די ערציהונג געווען, און אַ וועלט מיט מיה האָט עס איהם געקאָסט, און גאָלדענע חלומות וועגען איהר צוקונפט געשפינען, זאָל ער איצט, ווען זי איז גרויס, אין דער רעכטער בליהענדער יוגענד, שעהן און קלוג — זאָל ער זי יעצט פלוצלונג פערלירען?

און ווען זאָל דער גרויסער אימגליק טרעפען? אין איהר חופּה - טאָג! אין דעם טאָג פון איהר גליק, אין די זיסע מינוטען פון איהר ערשטער ריינער ליעבע?

אַזוי קלאָגט דער צערטליכער ליעבער פאָטער, נאָר מיט אַ מאָל טרייסט איהם אַ גליקליכער געדאַנק.

די שטערנזעהער זענען דאָך נאָך אַלעמען נישט מעהר ווי מענשען... זיי קוקען אויפ'ן הימעל און זעהען — אָבער נישט אַלצדינג זעהען זיי דאָך, נישט תמיד זעהען זיי ריכטיג! ס'האָט דאָך שוין פּאַסירט אַמאָל אַז זיי האָבען נישט געטראָפען.

און רבי עקיבא האָפט אַז זיי האָבען דאָס מאָל אויך נישט ריכטיג געזעהען, די שלעכטע נבואה פון די שטערנזעהער גלויבט זיך אַ־יף יענעם לייכטער און גיכער, ווי אויף זיך זעלבסט.

און דער תנא הייסט צוגרייטען אַלעס נויטיגעס צו זיין טאָכטער'ס חתונה, זיך פערלאָזענדיג אויף ג—ט.

*

ביינאַכט צו דער חופּה מאָלצייט בעוויזט זיך אַ אָרימאַן ביי דער טיהר, ער וויל אַ שטיקעל ברויט, צו שטילען דעם הונגער.

אָבער ווער קוקט זיך דען אום אויף דעם בעטלער! די דיענסטען און סארווערס זענען פערטהון אין זייערע פערשידענע אַרבייט און די געסט זענען פערטיפט אין די געשמאַקע מאכלים און משקאות און מען איז זיך משמח בשמחת חתן-וכלה, און קיינער בעמערקט נישט וואָס עס טהוט זיך דאָרטען ביי דער טיהר.

נור די כלה פון סאַמע אויבען-אָן דערזעהט פון ווייטען דעם אָרימאַן, און זיין בלייך פּנים, דער אויסגעהונגערטער אויסזעהן פון איהם, לאָזט איהר נישט רוהען.

זי פערשטעהט, אַז ער וויל נעבעך עסען, און קיינער קוקט זיך נישט אויף איהם. הויבט זי זיך אויף אין איהרע חופּה-קליידער און ווערט כלומר'שט אויף אַ ווײַלע אַ סאָרווערקע דעם חתן לאָזט זי איבער, און געהט צו צום אָרימאַן.

ביי אַ טיש זעצט זי איהם אַוועק, און גיט איהם זעהר פריינדליך עסען און טרינקען אַזוי גוט ווי איינעם פון די מחותנים, און זי טרעט נישט אָפּ פון איהם ביז ער איז זאַט. פערפּיצטערהייד מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפ'ן קאָפּ (עטרת כלה, לויט ווי דער אַלטער מנהג), שטעהט זי און דערלאַנגט דעם הונגעריגען אַלעס וואָס נור זיין האַרץ גלוסט און לאָזט איהם געניסען פון דאָס בעסטע.



נאַכהער שיקט זי איהם אַוועק בשלום און געהט צוריק צום טיש, און איידער די חופּה האָט זיך נאָך געענדיגט איז די כלה אַרויס אין גאָרטען געניסען עטוואָס פרישע לופט.

דאַרטען אין גאַרטען איז געשטאַנען אַ שעהן שטיבעל, אַ זומער-שטיבעל פאַר איהר אַליין. איז זי אַריין אַהין זיך אַביסעלע אָפּרוהען.

זי נעמט אַראָפּ די גאָלדענע קרוין און לעגט אַוועק אויף דער ערד פון גאָרטען און שפּאַרט זיך עטוואַס צו.

אַביסעל שפּעטער שטעהט זי אויף, זי האָט אויפגעהויבען איהר קרוין און זי איז געבליבען אַ פערציטערטע פון שרעק.

נאַך דער גאָלדענער קרוין האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ שלאַנג... אַ שאַרפער נאָגעל פון דער קרוין איז געזעסען טיעף אין איינע פון דער שלאַנגס אויגען, זי האָט נאָך געצאַפּעלט, אָבער פערגיפטען האָט זי שוין מעהר נישט געקענט.

און אַ פערציטערטע לויפט די יונגע כלה צום פאָטער און ווייזט איהם די קרוין מיט דער שלאַנג.

רבי עקיבא בעטראַכט אַ ווײַלע ג-ט'ס וואונדער און זאָגט:

– טאָכטער מיינע, ווערסט דאַך מיר דערצעהלען וואָס דו האָסט אַזוינס געטהון! אומזיסט האָט דאָך ג—ט ברוך הוא דיר געוויס נישט געטהון קיין נס און מציל געווען דיך פון טויט?

און די שעהנע כלה דערצעהלט דעם תנא וואָס זי האָט געטהון מיט דעם הונגעריגען אָרימאַן.

רבי עקיבא האָט זיך שטאַרק דערפרעהט און פון דעמאָלט אָן פלעגט ער שטענדיג איבער'חזר'ן פאַר זיינע טויזענדער תלמידים די ווערטער:

„צדקה תציל ממות!"

לאָנדאָן.

---

# שבועות־געדאנקען

שרה שענירער

...און ווידער איז אַ דורך אַ יאָהר און שוין ווידער שטעהען מיר אויף דער שוועל פון'ם גרויסען תורה-יום-טוב!

אין אונזער פאַנטאַזיע מאָהלט זיך דאָס הערליכע בילד פון מתן-תורה... עס דוכט זיך, ווי צוזאַמען מיט אונזערע אבות שטעהען מיר פאַר דעם פלאַמענדיגען באַרג און אין אונזערע אויערען דונערט די שטימע פון אַלמעכטיגען, וואָס מאַכט ציטערען אונזערע הערצער און

לאַטערען אונזערע שמות-נ ע ש ה ו נ ש מ ע—מיר וועל'ען טהון און הע־רען, אזוי האָט זיך אַמאָל אַרויסגעריסען אַ מעכטיגע שטים פון דער גאַנצער יודישער פאָלקס־מאַסע; א ל ע, מענער און פרויען, קינדער און זויג־קינדער, אַלע מיט איין געדאַנק, אַלע מיט'ן זעלבען מסירות הנפש זענען גרייט צו היטען און מקיים־זיין דאָס גרויסע ג—טליכע געזעץ — דאָס אש דת!

דאָס אַלץ איז אָבער געווען נאָר אַמאָל — היינט איז עס אָבער נאָר אַנדערש!...

לײַדער זענען היינט, נישט מעהר איינשטימיג; ס'הערט זיך מעהר נישט דער ס'לידאַרישער רוף פון גאַנצען יודענטהום — נעשה ונשמע. בפרט, אין אונזערע פרויען־רייהען.

צו אונז יודישע פרויען, צו וועלכע ג ט האָט צום ערשטען גע־רערט, כדי מיר זאָלען אונזערע קינדער ברענגען צו דער תורה — האָבען מיר דען די הבטחה וואָס מיר האָבען ביים באַרג סיני געגעבען מקיים געווען?

אָה, לײַדער האָבען מיר יודישע מאַמעס זייערע קינדער, דאס אש־דת, נישט ווי געהעריג איבערגענומען און אָט — זעהען מיר די פאָלגען: ראַטעוועט די יודישע טעכטער, זאָרגט פאַר זייער ערציהונג— דאָס איז דער וועה־געשריי, וועלכער הערט זיך היינט אין דער יודישער מחנה.

אָבער דווקא דאָס לעצטע איז אַ טרייסט פאַר אונז, ווען מ'האָט שוין פערשטענדניש פאַר'ן בעגאַנגענעם פעהלער, וועט דאַן בעסער ווערען...

אין די „בית יעקב" שולען ווערט אַ ניי דור ערצויגען און דאָס איז אַ ליכטיגער שטראַהל אויפ'ן פינסטערען יודישען הימעל!!!

* * *

איז'ס נישט מערקווערדיג?

אַ טאָכטער פון אַ ווילד־פרעמד פאָלק, אַ געוועזענע מואבי'שע געצענדינערין האָט זוכה געווען צו שפילען אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער יודישער געשיכטע, צו ווערען די מוטער פון מלכות בית דוד — און פאַרוואָס?

ר ו ת האָט געעפענט די אויגען צו דערקענען דעם אמת און ליידען פאַר איהם; זי האָט פערלאָזט דאָס הויז פון מלכים ושרים, דאָס עשירות און דעם לוקסוס — און געוואָרען אַ אָרימע פרוי, גע־גאַנגען קלויבען זאַנגען פון הפקר... זיך בעהאַפטען מיט איהר פער־



צער'טע און עלענדע שוויגער נעמי, אַבי... צו טראָגען דעם אידעאַל פון דער ריינער אמונה און צו זיין אַ געטרייע טאָכטער פון יודישען פאָלק! — ווערען אונזערע טעכטער עפּעס לערנען דערפון?...

* * *

פאַרוואָס לייענט מען מגלת רות אום ש ב ו ע ו ת?

„ווייל רות אייניקעל, דוד המלך, איז געשטאָרבען אום שבועות"— הלמאי, ווייסען מיר דאָך, דאָס אַ חוץ משה רבינו, פערנעהמט אין דער געשיכטע פון ישראל; פון וועלט־היסטאָרישער בעדייטונג דעם ערשטען פלאַץ, דער מלך דוד — און מיט רעכט: איז דאָך דוד המלך דער, וועלכער האָט געפיהרט די מענשהייט נעהנטער צו ג—ט; אויפגעהויבען זייערע נשמות פון ערדישען צום הימלישען...

דוד המלך, פערהוילט נישט פאַר אונז זיינע אינערליכע קאַמפען, די קאַמפען צווישען יצר הרע און יצר טוב און דאָס לערנט אונז ווי שווער עס איז די מלחמה אינ'ם לעבען, וויפיעל מוט און ענערגיע מ'דאַרף האבען כדי צו דערגרייכען דעם נצחון... דער בטחון אָבער אין ג—ט פיהרט צום ריכטיגען ציעל!

אָט = דאָס לעצטע דאַרף אונז בעגלייטען אין אונזערע שווערע אויפגאַבען, אין דער היינטיגער גייסטיג־אָרימער צייט! — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# יודישע פרויען־העלדינס

(אַ קאַפּיטעל געשיכטע)

אַ מתנה דער נשמה,
פון מיין מוטער ע"ה.

## דבורה הנביאה--יעל

דריי שופטים זענען שוין געשטאָרבען, עתניאל בן קנז, אהוד בן גרא און שמגר בן ענת, — דריי שופטים, וועלכע האָבען טריי פערטיידינט די יודען פאַר אינערליכע און אויסערליכע פיינד. ס'איז זיי אָבער נישט געלונגען צו פעראייניגען די פונאַנדערגעטיילטע שבטים און שאַפען פון זיי אַ איינהייטליך פאָלק, וואָס זאָל קענען געבען דעם שונא אַ געהעריגען ווידערשטאַנד, — ווייל עפעהלט האָט דאָס מיטעל, וועלכעס איז בכח געווען צו פעראייניגען

די יודען. ס׳האָט דעם פאָלק געפעהלט די אמונה אין ג—ט!

נישט פעראייניגט זענען די שבטים צווישען זיך געווען, — און נישט פעראייניגט מיט זייער ג—ט, זיי האָבען, ווי זייערע שכנים, געדיענט צו עבודה-זרה׳ס.

און ג—ט האָט אויף זיי געצאָרנט.

אין דער פעסטונג - שטאָט „ח ר ו ש ת  ה ג ו י ם" זיצט דער מלך פון כנען, וועלכען יהושע האָט פערטריבען. עס ציטערט נאָך זיין האַרץ, ווען ער דערמאָהנט זיך די מפלה, וואָס ער האָט פון די יודען געליטען — דאָך וואַרט ער אויף אַ גינסטיגע צייט, זיך נוקם צו זיין אין די יודען און, אפשר, טאַקי איינגאַנצען זיי פערניכטען...

— דעם שונא האָט זיך געדאַכטען, אַז ס׳לונגט איהם:

מיט די גרויזאַמסטע מאַטערנישען דריקט ער צו די יודען שוין צוואַנציג יאָהר; ס׳קרעכצען די יודען אונטער׳ן יאָך פונ׳ם שונא און זיי זעהען פאַר זיך קיין הילף נישט; עס ווייזט זיך נישט, ווי אַ מאָהל, אַ שופט, וועלכער זאָל וואונדער ווייזען און דעם שונא צוברעכען. —

ווייל געזינדיגט האָט ישראל — און מוז אָבקומען.

איבערפולט איז געוואָרען דער כוס פון זייערע ליידען, און — ג—ט האָט זיך איבער זיי דערבאַרימט. אַ ליכטיגער שטערען האָט אויפגעשיינט אויפ׳ן יודישען הימעל, — אַ פרוי האָט זיך בעוויזען! — — —

ד ב ו ר ה  ה נ ב י א ה!

רייך איז זי געווען, נאָר נישט פאַר פרויען-לוקסוס האָט זי איהר צייט און פערמעגען פערשווענדעט. ניין! — גראָבע קנויטען האָט זי פאַר דער מנורה אין משכן געפלאָכטען!

און געזאָגט האָט צו איהר ג—ט:

— „ווייל דו האָסט פאַר מיין כבוד געזאָרגט, פאַר דעם וועט אויף דיר די שכינה רוהען; און דער ר ע ט ע ר פון מיין פאָלק וועסטו זיין!" — און ס׳איז ווירקליך אַזוי געשעהען.

גאָר אין גיכען איז איהר נאָמען בעריהמט געוואָרען. און די יודען זענען צו איהר געקומען הילף זוכען.

„דבורה איז געזעסען אונטער אַ טייטעל בוים".

דער בוים האָט געזאָלט סימבאָליזירען אחדות. דאָס הייסט: ו ו י ל ס ט ו ג ע ה א ָ ל פ ע ן ווערען טאָ פעראייניג זיך מיט ג—ט און מיט דיין פאָלק — אָט ווי דער בוים האָט אין זיך נאָר איין האַרץ".



און דבורה האָט געשיקט נאָך ברק בן אבינועם, און איהם געמאָלדען:

„אַזוי האָט געזאָגט דער ג-ט פון ישראל: געה און נעם דיר צונויף צעהן טויזענט מאַן פון נפתלי און זבלון, און איך וועל צו דיר צוציהען צום טייך קישון-סיסרא׳ן, דעם פעלדמאַרשאַל פון כלך כנען, און איהם מיט זיין אַרמעע איבערגעבען דיר אין די הענד".

מיט אַ ציטערדיג האַרץ הערט ברק אויס דעם בעפעהל פון דער נביאה, ווייל סיסרא האָט ניין הונדערט אייזערנע רייט-וועגען מיט אָהן-אַ-שיעור מיליטער, און קעגען אַזאַ געוואַלדיגע מאַכט שיקט מען איהם מיט צעהן טויזענט אומבעוואָפענטע יודען.

ברק איז פערצווייפעלט, — און וויל די נביאה אויספאָרשען...

„אויב דו, דבורה, וועסט מיט אונז געהן אין קאַמף — נעהם איך זיך אונטער; און אויב נישט — טאָ געה איך אויך נישט".

דבורה׳ן פערדריסט. די שוואַכע אמונה און בטחון פון ברק׳ן, — און זי ענטפערט:

„איך וועל מיט דיר געהן — נאָר כ׳וועט נישט שעהן זיין פ ר דיר ווען דו שטיצט זיך אויף אַ פרוי. יעדענפאַלס - האָט זי צוגעגעבען מיט אַ רוח הנביאה, - וועט דער רוהם פונ׳ם זיעג נ שט געהערען צו דיר, ווייל דער היפט-קאָמאַנדיר, סיסרא, וועט פאַלען דורך אַ פרוי—יעל.

(המשך קומט)

# פ ע ר ש י ד ע נ ע ס

## אַ חשוב׳ער גאַסט אין אונזער רעדאַקציע.

דער בעקאַנטער אָרטאָדאָקסישער עסקן און שריפטשטעלער, ה׳ ה ע ר ב א ן  ש וו א ב, פון האַלבערשטאַדט, גרינדער און דירעקטאָר פון יתומים-פאָנד ביי דער אגודת ישראל, האָט אין משך פון זיין אינספעקציע-רייזע איבער די אגודה׳שע יתומים-הייזער אין פוילען אויך געווײלט אין לאָדז, וואו ער האָט בעזוכט אונזער רעדאַקציע.

לכבוד׳ן גאַסט האָט אונזער רעדאַקציע איינגעאָרדענט אַ געמיטליכע טעה-אויפנאַהמע, אין וועלכער ס׳האָבען זיך בעטייליגט די לאָדזער אָרטאָדאָקסישע שרייבער.

ה׳ א. ג. פרידענזאָהן האָט בעגריסט דעם גאַסט אין נאָמען פון דער רעדאַקציע, אויף וואָס ה׳ שוואַב האָט אָבגעענטפערט מיט אַ אינהאַלטסרייכער פּראָגראַם-רעדע איבער די צילען און אויפגאַבען פון דער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור בכלל און פון „בית-יעקב"-זשורנאַל בפרט. ער האָט אויך אויסגעדרוקט זיין בעוואונדערונג פאַר די גרויסע לייסטונגען און ממשות׳דיגע רעזולטאַטען וועלכע עס זענען די פרוכט פון אַ אומערמידליכער אַרבייט מצד דער רעדאַקציע פון „בית יעקב". —

ה׳ הערבאַן שוואַב האָט אויך איבערגעגעבען אונזער רעדאַקציע דאָס אויסשליסליכע

רעכט איבערצוזעצען אין יודיש זיין בעריהמטע זאמלונג פון פאלק'ס-מעשה'לעך פאר קינדער, אונטער'ן נאמען „קינדער חלומות", צו וועלכע ער האט אויך אנגעשריבען א ספעציעל פארווארט צו די „בית-יעקב"-קינדער.

דאס דאזיגע בוך ערשיינט בקרוב אין אונזער פערלאג.

## פון דער בנות אגודת ישראל-צענטראלע.

— אנהויב אייר האט די צענטראלע אנגעהויבען איהר רעגולערע טעטיגקייט, נישט קוקענדיג וואס עס פעהלט נאך דער מינימאלסטער פינאנציעלער באזיס.

ס'זענען שוין ארויסגעשיקט געווארען: צוויי צירקולארען, ארבייט'ס- און שעורים-פלענער פאר די חדשים אייר-סיון און א העקטאגראפירטער פארטראג פון א. מ. ראגאווי א.ד.ט.: „די יודישע טאכטער — די שמידערין פון יודישען גייסט".

— ל"ג בעומר האבען אלע ארט'ס-גרופען פון בנות אגודת ישראל" איינגעארדענט קרייז - אויספלוגען פון א"ע גרופען אין דער ארומיגער סביבה, ווי: אין לאדזער קרייז — קיין לאסק, קראקאווער קרייז — קראקא, פיאצלער קרייז — מאקאוו א. א. וו.

צו די אויספלוגען דאט זאס סעקרעטאריאט פון דער צענטראלע צוגעשיקט לענגערע בעגריסונג'ס-בריף איבער דער בעדייטונג פון ל"ג-בעומר.

— במשך דעם היינטיגען חודש איר זענען אדורכגעפיהרט געווארען פראפאגאנדע רייזעס פון רעדנערינס פאר דער ארגאניזירונג פון „בנות אגודת ישראל".

די ארטס-גרופע פון בא"י אין קראקא האט ארויסגעגעבען א איינמאליג פוילישע אויסגאבע „פראמיעניע"

— אין דער צענטראלע קאן מען בעקומען די פאטאגראפיעס פון דער קאנפערענץ צום פרייז פון 2 זלאטעס מיט פארטא.

אין די שטעדט ווי ס'ווילען זיך גרינדען ארטס-גרופען פון „בנות אגודת ישראל" דארף מען זיך ווענדען אין דער צענטראלע נאך אינסטרוקציעס און די געהעריגע מאטעריאלען ביילייגענדיג 3 זלאטעס.

אדרעס פון דער צענטראלע:

פ א ר ב ר י ף:

Sekretarjat B. A. J. Łódź, skrz. poczt. 146

פ א ר ג ע ל ד:

Red. „Bajs Jakow" Łódź. Aleksand. 28 dla „Sekretarjatu"

## כ ר א נ י ק

— צום נייעם שול-זמן האט פרוי שענירער געמאכט א אינספעקציע-טורנעע איבער אייניגע בית-יעקב-שולען אויף דער פראווינץ און אויך געהאלטען עפענטליכע רעדעס און פארטראגען וועגען די בית-יעקב-שולען. פרוי שענירער האט בעזוכט די שטעדט: פיעטרקאוו, אפאטשנא, לאסק, סטרי א. א.

א דאנק דער פרוי שענירער'ס איניציאטיווע זענען אויך געגרינדעט געווארען א רייה נייע שולען.

— דאס קוראטאריום פון קראקאווער לעהרערין-סעמינאריום האט בעשלאסען אבצוהאלטען די היי-יעהריגע זומער-דיגע פארטבילדונג'ס-קורסען פאר ב"י-לעהרערינ'ס אין קראקא. ס'וועלען אנטייל נעהמען די זעלבע דאצענטין וואס פאר א יאהרען.

— אין די נאהנטסטע טעג ווערט שוין ערווארטעט אין קראקא פרל. יהודית ראזענבוים פון פראנקפורט.

## ק א ל א מ מ ע

די „בית יעקב" שולע אין אונזער שטאדט עקזיסטירט שוין זייט 2 יאהר. אין דער לעצטער צייט לעבט איבער די שולע א שרעקליכען פינאנציעלען קריזיס. דאך, האט די שולע ערפאלג און ענטוויקעלט זיך שעהן אונטער דער לייטונג פון פרל. נאדעלשטערן.

א בעזונדערען דאנק פערדינט דער פרויען-קאמיטעט און גאנץ בעזונדער די ג' פרוי לויא פאר איהר אונערמידליכער ארבייט. פ. נ.

## ס ט ר י

שבת פ' אחו"ק איז אין גרויסען זאל „קארסא" פארגעקומען א גראנדיעזע פרויען-און-מעדכען פערזאמלונג מיט'ן צוועק צו גרינדען א „בית יעקב" שולע.

מיט א שעהנער רעדע האט געעפענט די פערזאמלונג די ג' פרוי זעלדאוויטש און דערנאך האבען געהאלטען אינטערעסאנטע רעפעראטען די ג' געסט פרוי שענירער און די לעהרערין פרל. דבורה ראזיאנסקא, וועלכע האבען איבערגעלאזט א קאלאסאלען איינדרוק

זונטאג איז פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון דער שולע, ביי וועלכע ס'האבען געהאלטען בעגייסטערטע רעפעראטען די חשוב'ע געסט און עס האבען זיך אויפ'ן ארט פערשריבען 130 תלמידות.

ביי אונז איז אויך שוין געגרינדעט געווארען א ארטס-גרופע פון „בנות אגודת ישראל".

א הערצליכען דאנק דריקען מיר אויס די געסט פאר זייער ארבייט.

עטא לוסטהויז

מזל-טוב! מזל-טוב!

די צענטראלע פון „בנות אגודת ישראל" אין פוילען ווינשט א הערצליכען מזל-טוב דער ג' פארזיצ. פרוי

**פעסא זעמבא**

צום געבורט פון איהר זיהן —

די עקזעקוטיווע.

מיר ווינשען א הארציגען מזל-טוב די פייערדיגע עסקנות פון אונזער שולע

**פרל. יאבלאוויטש**

צו דער פערלאבונג מיט ה'

**גראדע** (ווילון)

לעהרערין אין 4-טער קורס.

זעלאוו.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פערוואלטונגס - מיטגליעדערין

**פרל. אמזעל**

צו איהר פערלאבונג מיט ה'

**הענדליש**

„בנות אגודת ישראל"

לאדז פארזיצ: פעסא זעמבא

## לאַסק

אַ דאַנק די גלענצנדע רעפעראַטן פון די לעהרערינ'ס פרוי פאָגעל — לאָדז און פרל. שייער — וועלאָוו, — איז אין אונזער שטאָדט געגרינדעט געוואָרען אַ בית-יעקב-שולע און אַ בנות אגודת ישראל אָרט'ס-גרופּע.

דער מענער-קאָמיטעט פון דער שולע בעשטעהט פון די ה"ה: אברהם זאַנדבערג, זעליג קאָהן, ישראל יצחק גערשט, יהושע פּשעדבורסקי, י. ד. אַקלאָדזקי, ח. ה. קרוזפּיצקי, ראָקמאַן, ראָזענשטיין, טרויבע, קליגער, ערשטער, ווענדעל, ראָזענצווייג און אברהם טובי' רעכטמאַן.

אינ'ם פרויען - קאָמיטעט זענען: ווענדעל, דאַווידאָוויטש, פּרזעדבורסקי, קאָכמאַן, מאַרפשאַק, גערשט און קאָהן.

די פערוואַלטונג פון בנות אג"י בעשטעהט פון די פרל'ס: בענסשקאָווסקי, ראָזענצווייג, קאָהן, קאַין, מייעראָוויטש, מאַרטשאַק און לעשטשינסקי.

די שולע ווערט געלייטעט דורך דער לעהרערין פרל. טרויבע פון דוואַהרט.

## מאַקאָוו

אין אונזער שטאָדט האָט זיך געגרינדעט אַ „בנות אגודת ישראל" וואָס צעהלט, שוין איבער 40 מיטגלידערינ'ס אהן ע"ה אין דער פערוואַלטונג זענען:

חוה ארליק — פאָרזיצענדערין וויצע — פרוי רחל ראָזענשטיין סעקרעטאַרין — פרל. דינה אָרליק און שיינדיל באַרנשטיין — געהילף קאַסירערין — פרל. שרה שרעמער און די פרויען: שרה ראָזענבלום און נחמה פענרעל.

אונזער שטעדט האָט אויך בעזוכט פרל. שיקערקאַ וועלכע האָט געהאַלטען אייניגע ערפאָלגרייכע רעפעראַטען לטובת דעם געדאַנק פון „בנות אגודת ישראל".

חוה אָרליק — פאָרזיצענדערין.

## שעראַדז

אַ דאַנק די רעפעראַטען וואָס האָבען ביי אונז געהאַלטען פרוי שענירער, פרל. קאָזלאָווסקאַ און פרל. פראָהמאַן האָט זיך אין אונזער שטאָדט געשאַפען אַ קאָמיטעט אויף צו גרינדען אַ „בית יעקב" שולע.

עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרען אַ אָרט'ס גרופּע פון „בנות אגודת ישראל" וועלכע פיהרט אַ שעהנע טעטיגקייט. אין דער פערוואַלטונג פון „בנות אַגודת ישראל" זענען:

פרל. אסתר ציפרה לייטער — פאָרזיצענדערין, חי' רחל באַך — וויצע, קלאַראַ הוזמאַן — סעקרעטאַרקע, חי' אסתר לאַסקער — וויצע, ראַכיל באַקלאַרוש — קאַסירקע. די ביבליאָטעק ווערט געפיהרט דורך פרל. חי' אסתר זאַלצבערג, קלאַראַ הויזמאַן, און חי' פעסא אָפּענהיים.

מיר דריקען אויס אַ טיעפען דאַנק דער געעהרטער פרוי ראָטענבערג פאַר איהר מיה און אָנשטרענגונג לטובת דעם אויפבוי פון דער „בית יעקב" שולע אין אונזער שטאָדט.

---

אַרויסגעבער: מ. ראַבינאָוויטש.

---

Red. L. G. Frydenzon. Wyd. M. Rabinowicz.

Adres: „Bajs Jakow" Łódź, Aleksandrowska 28.

---

Tł. Szczecińskiego w Łodzi, Narutowicza 11.